№ 25

פרייז 20 גראשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibl. Jagiellońska

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאן נר. 22-01
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס-פרייז א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פאר׳ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר׳ן טעקסט 40 גראשען — נאכ׳ן טעקסט 20 גראשען
אין טעקסט 60 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפאלטען.

Częstochowa, Piątek 23 czerwca 1939 — ליכט-צינדען 7,43 — פרייטאג פ׳ חוקת ו״ תמוז תרצ״ט

קרן קימת לישראל.

מוצאי שבת, ז׳ תמוז (ד. 24 ד. ח.) 9 אווענד אין זאל פון יודישען גימנאזיום

קומט פאר א **פייערליכער איפנאהמס-באנקעט**

לכבוד די חשוב׳ע שליחים פון הויפט-ביורא פון ק. ק. ל.

פרוי אסתר קאפלאן און י. אפענשלאק

(הויפט-רעדאקטאר פון „נאש פושעגלאנד").

איינגאנג פריי מיט איינלאדונגען.

ברכת מזל טוב המה ונלבבה לידידנו מר **אברהם אלעזר שנפלד**
לנשואי בתו מרת **הדס** עם מר **מיכל בירנצווייג** תהי דרכם צלחה המבורכים
אינוש. מרדכי פיגין ורעיתו.

Z intencji zaślubin koleżanki naszej REGINY FIKSEL
z p. ZYGMUNTEM BRATEM serdecznie winszują
Szmul Berman, Dawid Granek, Heniek Krauze.

Z intencji zaślubin p. SAMUELA WAJCBERGA
z panną DOSIĄ BENCLOWICZÓWNĄ życzą dużo szczęścia
SAMUELOWIE GELBHAUER

צו דער פערלאבונג פון פרל. **מילא סודאוויטש** פון טשענסטאכאוו מיט ה׳ **פישל בוראקאווסקי** פון פראשקא ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט
פאמיליע זעלקאוויטש, פאמיליע סטריקאווסקי,
פריידיל און שלמה לאסמאן, וויעלון.

אונזער פריינד **פישל בוראקאווסקי** (פראשקא) צו זיין פערלאבונג
מיט פרל. **מילא סודאוויטש** די הארציגסטע ברכות
דוד בער כלאפאק און פרוי. וויעלון

צו דער פערלאבונג פון אונזער קוזינע **מילא סודאוויטש** פון טשענסטאכאוו מיט ה׳ **פישל בוראקאווסקי** פון פראשקא, ווינשען פיעל גליק און א גליקליכע צוקונפט
בער קושעפיצקי, פרוי און פאמיליע, אברהם קושעפיצקי, פרוי און פאמיליע, וויעלון

צו די תנאים פון פרל. **מילא סודאוויטש** מיט ה׳ **פישל בוראקאווסקי**
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
לייבוש, ליפטשא, יאדזיא און בינעטשקא קושעפיצקא, וויעלון

אונזערע פריינד, דער פאמיליע בוראקאווסקי צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן **פישל**
מיט פרל. **מילא סודאוויטש** פון טשענסטאכאוו, ווינשען מיר די עלטערן און פערלאבטע פיעל גליק און צופרידענהייט
אהרן פילצער און פרוי, פאמיליע פילצער, וויעלון

PODZIĘKOWANIE
W. Panu **Dr. Wizenfeldowi** za przeprowadzoną udaną operację na moim synku, serdecznie dziękuję tą drogą
SZYMON KAUFMAN, Zawiercie.

Lokal fabryczny
rozmiaru 9x7 mtr. z przedsionkiem 2x2 również szopa, nadająca się na lokal fabryczny rozm 7x3 mtr.
do wynajęcia od zaraz.
Wiadomość w redakcji.

Pensjonat „MASCOTTE"
ZAKOPANE, ul. Chałubińskiego
telefon 19-81
איז טעטיג א גאנץ יאהר.
זוניגע צימערן מיט באלקאנען. — ווארעם און קאלט וואסער. — רוהיגע טרוקענע געגענד און נאדעל-וואלד.
געשמאקע קוך (אויף פערלאנג דיעטעטישע). [illegible] צוגענגליכע פרייזען.
אונטער דער לייטונג פון פרוי **ד. שמולעוויטש.**

דער בעסטער פלאץ פאר אפרוה און ערהאלונג איז
פענסיאנאט „ריוויערא"
בלאכאווניע, ווילע נר. 103
נעבען רייכער׳ס ווילע
עמפפעהלט זוניגע צימערן, גוטע קוך, שטרענג כשר.
מיט אכטונג: **ה. ליכטער**
געוועזענער פענסיאנאט-אינהאבער אין דייטשלאנד.

איך בעטייליג זיך אין צער פון דער
פאמיליע באטשאן
צוליעב׳ן טויט פון זייער הייס-געליבטען מאן און פאטער
דוב בער נ״ע
און דריק אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל
מיכאל רוזשעוויטש

דער פאמיליע באטשאן
אין זייער גרויסען צער צוליעב׳ן פערלוסט פון זייער מאן און פאטער, דעם געזעלשאפטליכען עסקן
בעריל באטשאן
מיין טיפסטען מיטגעפיהל
אברהם ראזענבלאט

נדבות אין רעדאקציע פאר „תומכי עניים"
ה׳ שלמה ראזענבלום צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 10 ק״ג ברויט. ה׳ מנחם שעפטעל צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 5 ק״ג ברויט. ה׳ דוד גאלדבערג 1.50 זל. ה׳ א. י. מאסס צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער 2 זל. ה׳ מ. פיינענבלאט צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 5 ק״ג ברויט.

מיטוואך, דעם 28 יוני 1939 י. 7 א זייגער אין ערשטען טערמין און 8 אווענד אין צווייטען טערמין אין אייגענעם לאקאל, קומט פאר
די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג
פון די מיטגלידער פון „לינת הצדק".
טאג-ארדנונג:
1) וואהלען פון א פרעזידיום פון די אלגעמיינע פערזאמלונג, 2) פראטאקאל, 3) בעריכט פאר׳ן יאהר 1938|9, 4) פרעלימינאר אויפ׳ן יאהר 1939|40, 5) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, 6) פרייע פארשלאגען.

ווארנונג
מיר ווארענען די אלע, וועלכע לאזען דריקען קלעפסידרעס אין שבת, אז מיר וועלען ב׳קיין אופן נישט איינארדנען די לוי׳ לויט די אבגעגעבענע שעה, וואס איז בעשטימט אין דער קלעפסידרע.
חברה קדישא אין טשענסטאכאוו.

KOLONIE LETNIE we Włodzimierzowie
Szkoły im. Z. Wajnsztokówny
Wyjazd I grupy w poniedziałek 26.VI
OGROD SZKOLNY ALEJA 30
czynny całe lato.
Zgłoszenia w kancelarii, Aleja 20, telef. 10-78, codziennie w godz. 10—13 i 16—18-ej.

Wszystkim, którzy wzięli udział w pogrzebie nieodżałowanej pamięci Prezesa Towarzystwa Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie
Dr. LUDWIKA BATAWII
a w szczególności pp. **Rabinowi Dr. Hirszbergowi, dyr. Stanisławowi Prusickiemu, Bernardowi Kurlandowi, Szkole Rzemiosł i Szkole Powszechnej № 13**
wyrażamy serdeczne podziękowanie
Zarząd Tow. Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie.

Dr. L. ŁUŃSKI
Aleja 31
פרויען - קראנקהייטען און אקושעריע
נעמט אן פון 10.30–8.30 און פון 4–7.
אלעע 31, פראנט, 2 שטאק
טעלעפאן 84-17.

KINO „EDEN".
פילם, וואס איז בעשאנקען מיט 4 מעדאלען!
NAGA PRAWDA
אין די הויפט-ראלען:
אירענא דונע, גארי גראנט א. א.
איבער׳ן פראגראם:
די שרפה פון ווארשאווער וואקזאל

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2 i Warszawska 37.
מאכט בעקאנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ, וואס איז נאך ביז איצט אין טשענסטאכאו נישט געווען.
כדי צו איבערצייגען וועגען דעם די קונדשאפט האבען מיר
פערבילליגערט די פרייזען:
א קאלנער מיט א הערליכען גלאנץ 12 גר.
א העמד — — — 40 „
אויך זענען פערבילליגערט געווארען די פרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט.
ספעציאליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער ליעבע מוטער
חוה רזשאנשינסקא נ״ע
וועלכע איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 19 טען יוני ד. י. (ב׳ תמוז תרצ״ט)
און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד דריקען אויס דעם איניגסטען דאנק.
זוהן, טעכטער, איידעמס, שניר, אייניקלעך
אין אבוועזענהייט פון א **זוהן** אין ארגענטינא און א **טאכטער** אין פאריז.

א הארציגען מיטגעפיהל דער ג׳ **פרוי באטשאן** און די **ברידער באטשאן**
צוליעב׳ן גרויסען פערלוסט פון זייער עהרווירדיגען מאן און פאטער, אונזער חשוב׳ן פריינד
דוב בער ז״ל
אל תוסיפו לדאבה עוד!
יוסף שאיא און פרוי

צוליעב׳ן טויט פון געזעלשאפטליכען טוער
דוב בער באטשאן ז״ל
דריקען מיר אויס דער פער׳יתומטער פאמיליע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל
שמואל ניעמיראווסקי און פרוי.

דאנקט אב די אסירי-ציון דורך „קרן תל חי"!

גאולה תתנו לארץ!

די צושפליטערונג אין די האַנדווערקער־רייהען.

אַזוי איז שוין אונזער טראַגישער גורל, אנשטאט צו קאָנסאָלידירען אונזערע כחות, צושפליטערען מיר זיי, גיבען מיר די מעגליכקייט די שונאים אונז צו בעזיגען.

די יודישע האַנדווערקער־מאַסען אין פּוילען זענען אַ גרויסער כח, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען. במה דברים אמורים? ווען זיי האָבען איין שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, ווען מען צעטרענצעלט אָבער דאָס אויף שטיקער זענען זיי גאַרנישט ווערט.

שוין עטליכע יאָהר געהט אָן אַ קאַמף וועגען דער העגעמאָניע איבער דער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע. פערשידענע קאָך־לעפעל ווילען האָבען די השפעה איבער דעם אָרגאַניזירטען האָרעפּאַשנעם בעל־מלאכה, בויט מען און מען צוברעכט. זאָגט איינער טאָג, זאָגט דער צווייטער דוקא נאַכט און אין דעם גערענגעל וועגען דער העגעמאָניע פון די פערשידענע פּאַרטיי־לייט און קאַריעריסטען ווערט דערווייל דער יודישער בעל־מלאכה, וועלכער אַרבייט שווער און ביטער פאַר זיין עגזיסטענץ, צוברעכען, ער געהט אָב אין בלוט און ווערט צוריבען אויף שטויב.

דער סיים האט לעצטענס אנגענומען אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז געווענדעט געגען יודישען האַנדווערקערטום. האט דאכט זיך געדאַרפט קומען אַנ׳ אויסניכטערונג אין די מחות פון די פערשידענע אונבערופענע פיהרער אָבצושטעלען זייער צושטערונגס־אַרבייט און צעמענטירען די פערשידענע האַנדווערקער־צענטראַלעס אין איין פעסטע אָרגאַניזאַציע. דער בעוואוסטזיין איז אָבער — ווי ס׳ווייזט אויס — נאָך נישט געקומען און אַנשטאט איין צוזאַמענפאַהר פון אַלע יודישע האַנדווערקער, האָט מען צונויפגערופען צוויי צוזאַמענפאַהרען, איינעם אין ווארשא, דעם צווייטען אין קראקא און מסתמא וועט קראקא בעשליסען דאָס, וואָס ווארשא וועט אויסשליסען און דאָס זעלבע — פערקעהרט.

וואו נעמט מען אַ ירמיהו, וועלכער זאל קאנען אויסקלאָגען אונזער חורבן, אונזער וועהטאָג צוליב אונזער צושפליטערטקייט און עקשנות?

די טשענסטאָכאָווער האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציע האט נישט געשיקט איהרע דעלעגאַטען אויף קיין איינעם פון די צוזאַמענפאַהרען, האַלטענדיג, אַז אויב עס איז נישטאָ איין צעמענטירטע אָרגאַניזאַציע, זענען די צוזאמענפאַהרען גאַרנישט ווערט. מסתמא האבען אַזוי געטהון אויך אנדערע האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעהען אויפ׳ן שטאַנדפּונקט, אַז אין איצטיגען מאָמענט איז נישטאָ קיין צייט פאַר מחלוקות און ארומרייסעניש.

צי איז פאַקטיש נישטאָ קיין אויטאָריטעט ביים פּוילישען יודענטום, וועלכער זאל קאנען א סוף מאכען צו דעם חורבן, וואָס עס דערפיהרט צו צושפליטערונג אין די האַנדווערקער־רייהען?

ש.

ברוכים הבאים!

(צום אַנקומען פון די קרן־קימת־דעלעגאַטען אין אונזער שטאָדט)

דער קרן־קימת לישראל האט א היילינע אויפגאבע — אויסצולייזען דעם ארץ ישראל באָדען פון פרעמדע הענד און עס איבערגעבען אלס א נאַציאָנאַל־אייגענטום פאַר׳ן יודישען פאָלק.

דער קק״ל איז נישט קיין פּאַרטייאישער ענין, נאָר געהער צום גאַנצען יודישען פאָלק. אָט די אינסטיטוציע שטרעבט אונטער אלע אומשטענדען צו בערייכערן און פערגרעסערען אונזער באָדען־בעזיץ אין אונזער לאַנד.

אין איצטיגען גערענגעל פאַר אונזער קיום זעהען מיר אין קק״ל דעם איינציגען רעטונגס־ברעט, וואס גרייט צו אונזער צוקונפט און דעריבער מוזען מיר מיט אלע אונזערע כחות אָט דעם דאָזיגען פאָנד אונטערשטיצען.

אין דער גאַנצער וועלט, וואו נאָר ס׳געפינען זיך יודען ווערט געפיהרט אַ ברייטע אקציע פאַר׳ן קק״ל און איצט איז געקומען די רייהע אויף אונזער שטאָדט טשענסטאָכאָוו.

דעם היינטיגען שבת וועלען די טשענסטאָכאָווער יודען בעגריסען צוויי חשוב׳ע געסט, די ציוניסטישע טהוערין טאַלאַנטפולע רעדנערין פרוי אסתר קאַפּלאַן און דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון „נאַש־פשעגלאָנד" י. אָפּענשלאַק — ביידע מיטגלידער פון הויפּט־ביוראָ פון קק״ל.

די דעלעגאַטען וועלען ביי אונז אין שטאָדט אדורכפיהרען די הגלילה־אַקציע און שבת 9 א זייגער אָווענד וועלען מיר זיך מיט זיי בעגעגענען אין זאל פון יודישען גימנאַזיום אויף א פייערליכען אויפנאַהמס־באַנקעט.

צום אַנקומען פון די אויבענדערמאַנטע חשוב׳ע געסט אין אונזער שטאָדט בעגריסען מיר זיי מיט׳ן טראַדיציאָנעלען ברוכים הבאים!

ב.

יודען, ברידער!

אין די איצטיגע שווערע טעג פון נסיון רופען מיר צו אייך:

פערלירט נישט דעם מוט, בעווייזט אונזערע שונאים, אַז זיי זענען נישט בכח אונז צו צוברעכען און פערניכטען!

דעמאָנסטרירט אייער ווילען צו בעפרייאונג דורך גרויסע מעשים פאַר׳ן ארץ־ישראל אויפבוי און פאַר׳ן אויסלייז פון זיין באָדען.

דורך קאַמף און גרויסע שאַפונגען ווילען מיר מבטל מאכען דעם שוואַרצען „ווייס בוך". ענטפערט אויפ׳ן פעררעט מיט מעכטיגע טהאַטען פאַר „פרייהייט" און זעלבסטשטענדיגקייט אין אונזער היים לאַנד.

מיר בויען ווייטער! מיר וועלען עולה זיין ביי אַלע בעדרינגונגען.

מיר וועלען עראָבערן דעם באָדען און שאַפען נייע פעסטונגען אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד.

ווער עס וועט פערמאָגען די ערד, צו דעם וועט אויך געהערען דאס לאַנד.

העלפט אויסלייזען דעם גליל אין אייביגען אייגענטום פונ׳ם יודישען פאָלק!

שוין דאס דריטע יאָהר ווערט געפיהרט די גרויסע אויסלייזונגס־אַרבייט פון דעם דאָזיגען גרעניץ־געביט פון אונזער היימלאַנד.

העכער 30 טויזענד דונאָם זענען פאַר דער צייט איבערגעגאַנגען אין רשות פון קרן־קימת.

חניתה, שבי־ציון און חרבת־סמה — די דריי נייע חלוצי׳שע ישובים אויפ׳ן גליל באָדען זענען געוואָרען אַ שוץ־וואַנד אויפ׳ן צפון און אַ לייכטענדער טורם פאַר דעם געפייניגטען פאָלק אין דער גאַרצער וועלט.

נייע הונדערטער טויזענדער דונאָם וואַרטען אויף זייער אויסלייז.

יעדער ניי־ערוואָרבענער דונאָם שטאַרקט די האָפנונג אויף בעפרייאונג.

דער גליל מוז זיין יודיש!

איילט מיט אייער ברידערליכער הילף — לייזט אויס דעם גליל פאַר נייע צעהנדליגער טויזענדער געפּלאָגטע ברידער און שוועסטער!

גאולה תתנו לגליל!

קרן קימת לישראל צענטראַלע פאַר פּוילען.

א שעדליכע טהאַט? ניין, עפּעס ערגערס — אַ נאַרישקייט

עס זענען פערהאַן צייטען, ווען עס איז א מעלה קלוג אויסצוגעבען געלד און ווער עס בעהאלט דאן געלד אין זאַק, בעגעהט עטוואס ערגערס ווי א שעדליכע טהאַט — ער בעגעהט פשוט א נאַרישקייט.

אָרויסנעהמען די פּקדונות אָהן א ראַציאָנעלער פערוועגדונג האט נישט קיין שום שכל׳דיגע בערעכטיגונג און ערקלערט זיך בלויז מיט מאַנגעל פון זעלבסטבעהערשונג, וואס איז א שלעכטער בעל־יועץ. דאס לאזען זיך מיטרייסען פון דעם זינלאָזען שטראָם ברענגט דעם גרעסטען שאָדען — חוץ דער דעזאָרגאַניזאציע פון ווירטשאַפטליכען לעבען — דעם אָבשפּאָרער גופא.

אין ערגעץ זענען די איינשפּאָרונגען נישט מעהר גאַראַנטירט, וואַכזאַם און אַלזייטיג געזיכערט, ווי אויף דעם שפּאָר־ביכעל פון פ. ק. אָ. ערשט ווען מען בעזיצט אזעלכע זאָרגפעלטיג דעפּאָנירטע אָבשפּאָרונגען, קען מען פון זיי מאַכען א ראַציאָנעלען געברויך, ווייל מען קען אויף זיי רעכענען אין פערשידענע לעבענס־סיטואַציעס, סיי פאַר׳ן פונאַנדערבוי פון אייגענעם אַרבייטס־וואַרשטאַט, סיי פאַר דער קינדער־בילדונג און זיכערונג פון א בעסערער צוקונפט פאַר זיי, אָדער פאַר א גוט דורכגעטראַכטען פערברענגען פון אורלויב אין א צייט, וואס פאָדערט אַזויפיעל פעסטקייט און רוהיגקייט.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז עס וואַקסט אונאויפהערליך די צאָהל פון ווייטזיכטיגע אָבשפּאָרער — די צאָהל בעזיצער פון די שפּאָר־ביכלעך פון פ. ק. אָ. דערגרייכט שוין ביז 3,600,000.

העלפט אויסלייזען דעם גליל!

בקיצור...

צו דער ערשטער יאָהרצייט פון יודישען קרבן פאַר׳ן תחית־העם זענען געפייערט געוואָרען הכ״ות דורך אַלע רעוויזיאָניסטען אין דער וועלט. דערביי האָבען זיי אונטערגעשטראָכען און פעסטגעשטעלט, אַז דאס אומשולדיגע בלוט פון שלמה בן יוסף מאָנט און רופט די יודישע יוגענד פאַרטצוזעצען די היילינע אויפגאַבע, נישט אָבשרעקענדיג זיך פאַר קיין שום קרבנות.

דערביי איז אָבער כדאי צו בעמערקען, אַז אויך דער העלדען טויט פון אזא שלמה בן יוסף ווערט פערוואַנדעלט אין א פּאַרטיי־קאַמף. וואָלט שלמה בן יוסף געווען א הסתדרות׳ניק וואָלט ער נאָר ביי זיין פּאַרטיי פערעכענט געוואָרען אלס קדוש. דאַגעגען אַנדערע פּאַרטייען וואָלטען, ווען נישט לייכטגעשעצט, יעדענפאַלס געווען גלייכגילטיג. איז אָבער שלמה בן יוסף געווען אַ רעוויזיאָניסט, ווערט ער נאָר דורך די רעוויזיאָניסטען פערהייליגט, דאַגעגען אַנדערע פּאַרטייען בעציהען זיך צו דעם ענין מיט בטול, אין בעסטען פאַל מיט גלייכגילטיגקייט.

ווען וועלען שוין אַלע יודען, איבערהויפּט די יעניגע, וועלכע שטעהען אין די פאָדערשטע רייהען פון קאַמף פאַר עראָבערען ארץ־ישראל לעם ישראל זיין געאייניגט אין איין דעה און בעמיהען זיך צו פיהרען אזא סטראַטעגיע, וואָס זאל דערמעגליכען צו דערגרייכען דעם ציעל.

מען בעקלאָגט זיך אויף אַרבייטסלאָזיגקייט, ווער שמועסט יודען זענען דאָך אוודאי געבענטשט מיט דער דאָזיגער ברכה פון ארומגעהן פויל־בטל און שלינגען לופט. איז אָבער לויט דער לעצטער אדמיניסטראַטיווער פעראָרדנונג דאס אַרבייטסלאָזיגקייט איינגאַנצען פערשוואונדען און עס פעהלען נאָך אויס הענד.

אַלע הויפען פון די מעהר בעלעבטע און אַריסטאָקראַטישע גאַסען מוזען געבראכט ווערען אין אָרדנונג לויט׳ן הלכות אורבאַניסטיק. היות ווי דאָס מוז געמאכט ווערען וואָס פריהער, זענען דערביי בעשעפטיגט הונדערטער אַרבייטער און א סך בעלי־בתים בעקלאָגען זיך, אַז עס פעהלט אויס הענד צו דער אַרבייט.

איז אָבער די צרה, וואָס די יודישע הענד ווערען ביי דער דאָזיגער אַרבייט נישט אויסגענוצט. במילא קומט אויס, אַז הענד צו דער אַרבייט פעהלט אין הענד וואָס געהערען צו יודען זענען ווייטער איבריג.

אַנ׳אַלטע יודישע טראַגעדיע.

אויב איהר וועט אין גאס זעהען ווי מען האַקט מויערען, זאָלט איהר נישט האָבען קיין מחשבות זרות, אַז דאס וויל מען חס ושלום טהוען שלעכטס די בעלי־בתים. פערקעהרט, דאס טהוט מען זיי טובות, מען וויל זייערע הייזער פערשענערען, אזוי, אַז עס זאל זיין אַ נחת פאַר׳ן אויג און א קוועלונג פאַר׳ן האַרץ.

אורבאַניסטיק רופט מען עס.

ביז איצט האָבען די פערשידענע סוחרים רעקלאַמירט זייערע סחורות דורך אַזעלכע שענקלעך מיט מוסטערען, וואס זענען געהאָנגען ווי טאַרבעס אויף די מויערען און געמאַכט א נישטעסטעטישען איינדרוק. פון איצט אָן, „פון איצט אָן" הייסט, זינט די וועלט האט איבערגעריסען מיט די אַלטע פּאַראָרטיילען, וועלען די אַלע רעקלאַמעס זיין אין די מויערען. געוויינליך, פיין עסטעטיש אויסגעפיהרט, אזוי, אַז עס זאָל נישט שטערען דעם בעגריף פון הויכער ציוויליזאַציע און קולטור.

מערקווירדיג, וואס מעהר מען שענערט אויס די גאַסען, די הויפען, די מויערען, אַלץ פערווילדעווּטער ווערט דער מענש, ווען וועט שוין קומען די צייט, אַז מען זאָל אויך אין דער מענשליכער נשמה מאכען א שטיקעל רעמאָנט. כ׳לעבען, ס׳וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט.

אין „טאָז" איז דער הויך־סעזאָן, מען גרייט זיך צו די קינדער־קאָלאָניעס. שוויבעלט און גריבעלט פון מאַמעס מיט בלאַסע אויסגעצעהרטע קינדערלעך ביי דער האַנד, וועלכע שלאָגען אָב די טהירען און מיט רחמים אין די אויגען בעטען זיי פאַר זייערע קינדער אביסעל לופט און שפּייז פאַר׳ן אויסגעהונגערטען מאגען.

די טאָז־טהוער קאָנען זיך נישט קיין עצה געבען, ס׳זענען פערהאַנען מעהר קינדער ווי ערטער, זאָגט מען אָב, ווערט א געשריי, א יללה, פאַר־וואס יענעמ׳ס קינד יאָ און מיין קינד, וואס דאַרף די קאָלאָניע ווי ס׳לעבען, זאָגט מען אָב. און נישט ווילענדיג פאַלט נישט זעלטען אויך א קללה, וואס קומט פון פערצווייפלונג און פינסטערע דאָליע.

גרויס איז די צאָהל פון די יודישע קינדער, וועלכע דאַרפען געניסען פון אביסעל זון און אכילה. וואו נעמט מען אָבער דעריוף געלד? דעם „טאָז" האט מען דאָך אבגעשניטען אַלע מלוכה׳שע סובסידיעס, איז טאָקי ביטער.

הילפלאָז שטעהט דער „טאָז" און אומגליקליך זענען די אָרימע יודישע קינדערלעך, וועלכע האָבען נישט זוכה בגורל געווען צו געניסען פון די האַלב־און גאַנץ־קאָלאָניעס פון „טאָז".

די קהלה פערוואַלטונג האט אויפ׳ן יאהר 1939 פערטיג געמאַכט די עטאַט־אויסמעסטונג און די ליסטע ארויסגעלייגט נאַכצוקוקען.

מען קאָן נישט זאגען. מענשען קומען נאַכקוקען, א פּך קרומען זיך, זיי האָבען טענות, אַז מען האט זיי געשטעלט א צו־הויכען עטאַט און ס׳זענען אויך פערהאַנען אַזעלכע, וואס זאָגען גם זו לטובה, אָדער ברוך המקום בזול.

עס זענען אָבער פערהאַנען אַזעלכע נאָכקוקער, וואס קוקען נישט אַזוי ווייט וויפיעל מען האט זיי געשטעלט, נאָר גראָד וויפיעל מען האט אַנדערע געשטעלט און ס׳פערשטעהט זיך, אַז וויפיעל מען זאָל יענעם נישט האָבען אויסגעמאָסטען, האַלט דער נאָכקוקער, אַז ס׳אַז אַלץ צו ווייניג.

אַזוי איז שוין די טבע פון מענשען די פּאַרציע וואס ליגט אויף יענעמ׳ס טעלער אינטערעסירט איהם אַממייסטען...

עס איז שוין א מנהג, אַז ביים פאַרענדיגען דאס שול־יאהר גיבען די שילער פון די יודישע גימנאַזיעס אַזוינע ערהויבענע געזעגנונגס־פאָרשטעלונגען. אַזוי למשל איז פערגאַנגענעם שבת פאָרגעקומען אין טעאַטער קאַמעראַלני אַ געזעגנונגס־פאָרשטעלונג פון די שילער פון ד״ר אקסערס גימנאַזיום, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר פּראַכט און גלאַנץ און דער עיקר מיט איהר פונקליכקייט. דאָן איז פאָרגעקומען אין דער שולע פון ז. ווייגשטאָק א פּרעכטיגע געזעגנונגס־פאָרשטעלונג פון די קינדערלעך, וואָס האט אויף אַלע אנוועזענדע געמאכט דעם גוטען איינדרוק אזוי ווי תמיד:

מיט איין וואָרט, עס האָבען זיך געענדיגט די למודים, די שטרענגע דיסציפּלין, מען וועט זיין פריי, הפקר, ווי דער ווינט און פעלד און אלס שמחה מאכט מען די געזעגנונגס־פאָרשטעלונגען...

סמאל

גאנצע טעג אין די רייזע ביוראס, וואו זיי זוכען לענדער, וועלכע קאנען זיי אויפנעמען.

און וועלכעס לאנד וויל זיי אויסנעמען? אין בערלין האב איך איצט געהערט א וויץ, וואס כאראקטעריזירט אמבעסטען די טרויעריגע לאגע פון דער יודישער זוכעניש נאך אויסוואנדערונגס לענדער:

קומט אריין א יוד אין א רייזע-ביורא און ווענדעט זיך צום בעאמטען, ער זאל איהם מאכען א פלאן פון א רייזע, וואוהין ער וואלט געקאנט אויסוואנדערן. דער בעאמטער דערלאנגט דעם יודען א גלאבוס און זאגט איהם, ער זאל זיך אליין אויסזוכען א לאנד. דער יוד טהוט אן זיינע ברילען, דרעהט דעם גלאבוס פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס, שטעהט א לאנגע צייט און שטודירט דעם גלאבוס, פערטיפט זיך אויף יעדערער פון די פינף ערד-טיילען, און ער ווענדעט זיך צום בעאמטען נאך אמאל:

— און וואס אנדערש האט איהר מיר נישט פארצושלאגען...

— יא, די גאנצע וועלט איז פאר די יודען צו קליין.

ס'איז געווען ערב „יום-טוב", ערב דעם 50-סטען געבורטס-טאג פון „פיהרער". אין בעגלייטונג פון א פאר פריינד בין איך געפאהרען אין יענע גאסען, וואו דער הויפט-ספעקטאקל האט געדארפט פארקומען. פלוצלינג זעהען מיר, ווי א יונגערמאן איז ארויסגעלאפען פון א געביידע און אנגעהויבען צו טאנצען אויף דער גאס. א מחנה מענשען האבען איהם ארומגערינגעלט, איהם גענומען דריקען די הענד- אים געפאלען אויפ'ן האלדז קושען.

וואס איז געשעהן? מיר זענען פערבייגעפאהרען דעם אמעריקאנער קאנסולאט. די געביידע, פון וואנען דער יונגערמאן איז ארויסגעלאפען, איז טאקע דער קאנסולאט, און דער יונגערמאן איז א יודישער. ער האט נאר וואס בעקומען די אמעריקאנער וויזע. פון גרויסען גליק האט ער זיך פערגעסען וואו ער איז און זיך אוועקגעלאזט טאנצען.

א פינף שטאק-גע געביידע אויף איינער פון די לאנגע גאסען אין בערלין. די געביידע איז א יודישע און זעהט אויס ווי דער יודישער גלות: אלט, טונקעל, פער'חושכ'ט. אין דער געביידע געפינט זיך דער יודישער הילפס-פעראיין. דא איז די טרעהרען-אינזעל פון בערלינער יודענטום.

און איהר קאנט נישט ערגלייכען די דאזיגע טרעהרען-אינזעל מיט „עליס-איילאנד". דעם טרעהרען אינזעל פאר די טויערען פון ניו-יארק. פאר יענער טרעהרען-אינזעל שטעהט דאס פרייע אמעריקא, און אין יעדען עמיגראנט לעבט נאך די האפנונג צו בעפרייען זיך פון עליס-איילאנד", לעבט נאך די האפנונג אריינצוקומען קיין אמעריקא. דא, אין דער דאזיגער געביידע, זענען אלע האפנונגען פערשוואונדען.

פאר א פענסטערל שטעהען דא לאנגע רייהעס מענשען. מען טיילט פראגע-בויגענס: ווילט איהר אויסוואנדערן? איז ווער פון אייערע קרובים ארעסטירט און איהר זייט זיך משתדל איהם צו בעפרייען? אדער: האט איהר אליין בעקומען א פעראָרדנונג פון דער נאצישער מאכט צו פערלאזען דייטשלאנד, און איהר ווילט זיך משתדל זיין צו פערלענגערען אייער אויפהאלט אין לאנד?

דאס זענען די „איינציגע זארגען" פון די דייטשע יודען: אויסוואנדערונג, בעפרייען זיך פון נאצישע תפיסות און קאנצענטראציע-לאגערן, אדער איבעררוקען דעם טערמין, ווען איהר מוזט פערלאזען דייטשלאנד.

דאס אינערליכע אויסזעהן פון דער געביידע איז נאך ערגער ווי דאס אויסערליכע. אבגעריסענע ווענט, אויסגעקרימטע פאדלאגעס, פעררויכערטע סופיטען. צעהנדליגער צימערן מיט הונדערטער אנגעשטעלטע — אלע זענען זיי פערנומען מיט יודישע צרות. דא, אין די צימערען פון די פינף שטאק, ווערען „ערלעדיגט" די יודישע אנגעלעגענהייטען. און פון יעדען צימער טראגט זיך א שטיל געוויין, א טיפער זיפץ, וועלכער רייסט ביים הארץ.

א גרויס ווארט-צימער, ווי א פעלד. א 500—600 אינטערעסאנטען ווארטען דא אויפגענומען צו ווערען דורך די רעפערענטען. מען ווארט דא צו 10 און 12 שעה אין דער רייה, יעדער מיט זיין נומער. די יודישע בעאמטע ארבייטען ז א צו 20 שעה אין מעת-לעת.

אויף די ווענט פון ווארטע צימער הענגען פלאקאטען: „קיינע פאליטישע אונטערהאלטונגען". זיצען דא די מענשען הארט איינער לעבען דעם צווייטען. וועגען פאליטיק טאר מען נישט רעדען, דערצעהלט איינער דעם צווייטען וועגען זיינע פערלוירענע טעג און יאהרען; וועגען די רייכקייטען, וואס ער האט געהאט אמאל. די אויגען אויסגעלאשען, די פנים'ער צארנדיגע, און די אויערען אנגעשטרענגט אויפ'ן רוף פון בעדינער, וואס דארף אויסרופען זייער נומער.

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

חקת.

זאת חקת התורה.

געוועזען אין ר—נאוו א רב, וואס זיין גאנצע פרנסה איז בעשטאנען פון פערקויפען הייוועז צו די בעלי-בתים אויף חלות לכבוד שבת, כבודי יום טוב א. א. וו., וויל קיין פענסיע פון דער קהלה האט ער נישט בעקומען. געווען אויך אין דער שטאדט עטליכע גבירים מחללי-שבת, וואס האבען געהאנדעלט און געוואנדעלט אין שבת און פון זיי האט דאס דער רב געהאט די גרעסטע הכנסה.

שבת שובה, ווען יעדער רב האלט די טראדיציאנעלע דרשה, אין וועלכער ער איז מעורר זיינע בעלי-בתים תשובה צו טהון, איז דער ר—נאוו רב ארויף אויפ'ן בעלעמער און אנגעהויבען זיין דרשה מיט פאלגענדען פסוק: זאת חקת התורה אשר צוה ד' לאמר— לעולם קומט מיר שווער אן אייך צו זאגען מוסר, דען מיין גאנצע חיונה האב איך פון אייך. דערמיט, וואס איך וועל אייך מוסר זאגען, קען אויסקומען, אז א טייל פון אייך וועלען מיר ווערען שונאים און איך וועל בלייבען אהנע מיטלען צים לעבען. וואס אבער קען איך מיר העלפען, אז: זאת חקת התורה — די תורה פערלאנגט אזוי, אשר צוה ד' לאמור — גאט האט געהייסען אייך זאגען, אנווייזען אייך אויף אייערע שלעכטע מעשים. ד מ ר אל בני ישראל — רעד צו דיינע בעלי-בתים דברים קשים — זאלסט נישט קוקען דערויף, וואס דאדורך ווערען זיי דיר מקפח פרנסה זיין, אויב נישט פון זיי רוח והצלה יעמוד ממקום אחר — וועסטו אויף אנ'אנדער ארט געהאלפען ווערען, דען זאת חקת התורה — אזוי פערלאנגט די תורה.

ויקחו אליך פרה אדומה

לכפר על מעשי העגל (מדרש)

דער קלע-ווער רב איז געווען א יוד א בעל-רחמנות, א גרויסען טייל פון זיינע הכנסות צוטיילט אויף צדקה, זיך נישט געהאנדעלט מיט קיינעם וועגען רח"ש, פסק געלד א. א. וו. איינמאל איז צו איהם געקומען א מחותן ערלעדיגען א חתונה און בעצאהלט דריי רובל רח"ש. צומארגענס איז דער רב געוואויר געווארען, אז דער זעלבער מחותן מאכט א גרויסע מאהלצייט פאר מעהרערע צעהנדליגער געסט, אויף וועלכער עס ווערט אנגעגרייט מכל טוב, די כלה האט זיך געמאכט א גרויסארטיגען אויסשטייער, וואס קאסט אב א סך הונדערטער רובל. דעם רב האט דאס פערדראסען, פארוואס אין דער צייט, וואס ער גיט אויס אויף לוקסוס גרויסע געלדער, טהוט ער איהם גרינגשעצען, דער רב האט גלייך געשיקט נאכ'ן מחותן און פערלאנגט צו דערלייגען אויפ'ן רח"ש. דער מחותן הסט געפרעגט דעם רב: היתכן? דאס איז דאך נישט מעשה סוחר, נאך דעם ווי עס איז שוין ערלעדיגט, חרטה צו טענה'ן? דערויף האט איהם דער רב געענטפערט: אויף ויקחו אליך פרה אדומה, זאגט דער מדרש, אז דאס איז געזאגט מכפר צו זיין אויף מעשה העגל. וואס פאר א כפרה אייגענטליך איז דאס? נאר לעולם זעהען מיר, אז די קרבנות זענען געבראנגט לויט'ן מצב פון מענש איז ער געווען א נגיד, האט ער געבראכט אנ'עולה, שלמים א. ד. גל., דאגעגען אנ'ארימאן א יונה, בני תורים א.א.וו. דער רבש"ע פערלאנגט נישט פון מענש א גרעסערען קרבן, ווי ער איז אומשטאנד צו ברענגען. דא אבער ביי מעשה העגל האט פאסירט, אז דאס פאלק האט זיך געמאכט א קעלבערנעם גאט פון גאלד און ברילאנטען, נישט געזושאלעוועט קיין געלד פאר די עבודה-זרה, דעמאלט האט דער רבש"ע געזאגט צו משה'ן, אויב אויף דער עבודה זרה האבען זיי געלד געגוג, קארגען נישט דערויף, נאר ביי א קרבן פאר'ן בורא עולם ווילען זיי זיך איינבערגגען און יוצא זיין מיט א יונה, פערלאנג איך טאקי, אז זיי זאלען פאר מיר מקריב זיין א פרה אדומה תמימה — אנ'עכט-רויטע קוה און טאקי דערפאר בעצאהלען וויפיעל מען וועט פערלאנגען. דאס זעלבע האט דער רב געזאגט דעם מחותן: אויסצוגעבען געלד אויף זיידענע קליידער און א מאהלצייט פאר הונדערטער געסט, וואס קאסט אב א הון רב, קארגט איהר נישט, נאר פאר מיר רח"ש צו בעצאהלען קומט איהר זיך דינגען? אויב עס איז דא פאר'ן גאלדענעם קאלב, וועט איהר מיר טאקי בעצאהלען וואס עס קאסט א פרה אדומה.

דרך המלך נלך

עס שטעלט זיך א פראגע, דורך וועלכען לאנד נאר די יודען האבען געוואלט אדורכגעהען אום צו קומען קיין ארץ-ישראל, האבען זיי בעטויהלען צו די ארטיגע מושלים: דרך המלך נלך, לא נטה ימין ושמאל — מיר וועלען געהען מיט'ן גראדען וועג, נישט רעכטס אדער לינקס. וואס איז די לאנדס מושלים געווען אנ'אונטערשיד, אויב די טראנזיט רייזענדע וועלען געהען מיט'ן שאסע אדער מיט זייטיגע וועגען? דער תירוץ איז דער: די גאנצע וועלט האט געוואוסט וועגען דעם, וואס ס'איז געשעהען מיט די יודען אין מצרים, ווי זיי זענען אויפגעשטאנען געגען זייער מלך פרעה, אנגעטהון איהם צרות, אזוי, אז ער האט געמוזט זיי בעפרייען פון עבדות, דעריבער האט יעדע מלוכה מורא געקריגען די יודען אדורכצולאזען, אום עס זאל זיי אויך נישט איבערבלייבען עפעס פון די עשר מכות, דעריבער האבען די יודען בעפוילען: דרך המלך נלך — מיר וועלען זיך אין דער צייט פון אויפענטהאלט ביי אייך האלטען ביי די לאנדעס געזעצען, לא נטה ימין ושמאל — נישט זיין קיין רעכטע, אויך נישט קיין לינקע, נאר בדרך המלך.

און מען האט זיי צוריקגעשיקט צו דער גרעניץ. איז אט צווישען די אומגליקליכע אויך געווען צוויי 6 יעהריגע קינדערלעך, וועלכע זענען מיטגענאנגען מיט זייערע עלטערען אין תפיסה. זענען געקומען צוויי יודישע אדוואקאטען, די ה"ה: ד"ר לייב אש און קנעלער, וועלכע האבען אויסגעפועלט ביים געריכט, אז ביז וואס ווען, זאלען זיי זיך מעגען אפיעקעווען מיט די צוויי אונשולדיגע קינדערלעך און די ערלויבניש האבען זיי בעקומען, ביז — עס איז ארויסגעטראגען געווארען דער אורטייל איבער זייער עלטערען. נאכ'ן משפט אבער האבען זיי די קינדער געמוזט צוריק אבגעבען און אט די דאזיגע צוויי אונשולדיגע קינדערלעך האבען צוזאמען מיט זייערע עלטערען געמוזט אבריכטען דעם שווערען פינסטערען גלות, און איין גאט ווייסט וואו זיי געפינען זיך איצט...

די יודען ליידען אין איצטיגען מאמענט זעהר שווער, ווער ווייסט פאר וועמענס זינד... וואס זענען אבער שולדיג אט די קליינע עופה'לעך? פאר וועמענס חטאים ליידען זיי? און פון פון טיפען הארצען רייסט זיך ארויס די תפילה: גאטעניו, אויב מיר האבען געזינדיגט, כאטש כ'ווייס נישט מיט וואס, אבער וואס זענען שולדיג די קינדער? ווען דו האסט נישט אויף אונז רחמנות, דאן עשה למען תינוקות...

פעריען...

זיי האבען זיך דערוואַרט די ווייטע חברה'ניקעס, עס איז אנגעקומען זייער צייט פון הפקר א וועלט, מען וועט אנ'ערך פון 10 וואכען נישט געהן אין חדר אריין. פארדאן, די קינדער, וועלכע בעזוכען א חדר וועלען קיין פעריען נישט האבען, פון דעם זכות וועלען נאר געניסען די קינדער, וועלכע בעזוכען די שולען, אט זיי וועלען דאס האבען א לעבען.

מיר, וועלכע האבען נאר בעזוכט א חדר, האבען קיינמאל פון דעם טעם נישט געוואוסט, איז א ל"ג בעומר געווען א גרויסע אטראקציע, די היינטיגע קינדער אבער, ווייסען פון א לעבען צו זאגען, זיי זענען הפקר...

ווער ס'האט געזאָסען מעהר גליק, צי די פערצייטיסטע קינדער, כאטש זיי האבען א גאנץ יאהר געמוזט זיצען אין חדר, צי די היינטיגע קינדער, וועלכע געניסען פון פעריען, איז נאך א גרויסע פראגע. מיר זענען טאקי געווען קינדער, די היינטיגע יוגענד זענען אבער נישט קיין קינדער שוין. יונגערהייט פיהלען זיי דעם טעם, אזוי ווי די גרויסע. אבער דאס איז שוין פילאזאפיע. מיר רעדען פשוטו כמשמעו, עס איז פעריען, וואקאציע בלעז און די יונגע צעהוליעטע חברה, וועלכע זענען „נעביך" געווען „פערשווארצט" א גאנץ יאהר, וועלען אבּרוהען.

עס איז אויף גאט'ס וועלט פעריען.

ער פרעהט זיך זעהר...

ווער קאן נישט דעם לייטער פון די פאוושעכנע שולען דעם ה' מרגליות? צוערשט איז ער געווען קיראוניק פון דער פאוושעכנע שולע נומער 12 און היינט צו טאג איז ער לייטער פון דער פאוושעכנע שולע אין יוד. געזעלשאפטליכען גימנאזיום.

אט דער ה' מרגליות איז שוין אנ'אלטער סאלדאט אויפ'ן געביעט פון שול-וועזען. א סך צעהנדליגער יאהרען האט ער אבגעגעבען, כדי צו ערציהען דעם יונגען דור, וועלכען ער האט אוועקגעגעבען זיין בלוט און ענערגיע, אבער ביז'ן היינטיגען טאג פרעהט ער זיך, דער אלטער פראפעסאר מיט יעדער דערגרייכונג אויפ'ן דאזיגען געביעט.

אנומלטען טרעפט מיך דער ה' מרגליות און דערצעהלט מיר א פרעהליכע בשורה, דהיינו: די פאוושעכנע שולע ביים יודישען גימנאזיום האט אין חודש מערץ ה. י. בעקומען רעגירונגס רעכט צוזאמען מיט אלע רעגירונגס-שולען. אט דאס איז ביי דעם אלטען וועטעראן א גרויסע שמחה. פון אזעלכע און ענליכע ידיעות פרעהט ער זיך זעהר...

ווי א צושטורעמטע כוואליע...

דאס יודישע געז. גימנאזיום האט, ווי בעוואוסט, אנ'אייגענע רחבית'דיגע געביידע און נישט בלויז די קלאסען זענען גרויס און לופטיג, נאר אויך די קארידארען זענען ברייט און לאנג.

בין איך אמאל אזוי ארום האלב עלף פארמיטאג געקומען אין שולע, בעת דער גרויסער פויזע, ווען די קינדער געפינען זיך אין די קארידארען אדער אונטען, אין עס-זאל, קייענדיג דאס צווייטע פריהשטיק. האב איך זיך צוגעקוקט ווי אזוי די קינדער, די יודישע שול-קינדער, וועלכע זענען ליידער אין גאס געצווימט, נוצען אויס די קליינע האלבע שעה פון דער פויזע. טא וואס זאל איך אייך זאגען, א פרייד איז אויפגעגאנגען אין הארצען. די קינדער איבערהויפט פון די פאווּשעכנע שולען, האבען זיך צובּריקעוועט, אזוי ווי די קליינע קאזעלעך, ווען זיי זענען אויפ'ן פעלד, מען האט זיך געשפילט אין פוסבאל, זיך געבעירעוועט איינער מיט'ן אנדערען און גלאט געלאפען, מיט איין ווארט, דער גאנצער טעמפעראמענט, וועלכער קאכט אין די יונגע ברוסטען, האט זיך מיט א געוואלדינער קראפט ארויסגעריסען און ווי א כוואליע געשטורעמט איבער די קארידארען.

יודישע קינדער האבען דאך איבערהויפט מעהר טעמפעראמענט, ווי נישט-יודישע. ליידער ווערט עס צוליעב פערשידענע נישט אבהענגיגע פון אונז סיבות געצווימט, איז דארט אין די 4 ווענד פון יודישען גימנאזיום אויסגעשטורעמט מיט דער גאנצער קראפט. דאס איז אבער נישט משמע, אז זיי פערגעסען ווי זיי האלטען אין דער וועלט, ווארום ווי נאר דער גלאק האט זיך געלאזט הערען, האבען די צושפילטע פריילעכע כאליאסטרע באלד אוועקגעווארפען זייערע שפילערייען און יעדער האט נעאיילט אין זיין קלאס.

נאר אין דער שולע, איבערהויפט אין יודישען געז. גימנאזיום, וואו ס'זענען פערהאנען מעגליכקייטען, קאנען די שילער אויסנוצען זייער גאנצע לעבענס פרייד און צעת דער גרויסער פויזע האט מען דעם איינדרוק, אז מען איז ביים ים און עס רוישט ווי א צושטורעמטע כוואליע...

צי וועלען זיי קאנען לעשען די שריפה?...

די וואך זונטאג איז אין טשענסטאכאוו פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון פייערלעשער פון דער פוילישער רעפובליק.

לויט ווי די צייטונגען שרייבען, איז אין טשענסטאכאוו דעם פערגאנגענעם זונטאג געווען אנ'ערך פון 15 טויזענד פייערלעשער.

האבען זיי שפאצירט איבער די גאסען מיט זייערע ארקעסטער'ס און פאהנען און געוועקט די נייגעריגקייט פון די שפאצירענדע.

הער איך, ווי אזוי צוויי יודען שמועסען צווישען זיך. רופט זיך אב איינער: דו ווייסט, חיים, אז מיר האבען דא אין שטאדט אזוי פיעל פייערלעשער, זענען מיר שוין זיכער, אז קיין שריפה וועט נישט אויסברעכען. רופט זיך אב דער צווייטער: שוטה וואס דו ביזט, עס געהט דען וועגען דער שריפה, וואס קאן אויסברעכען אין א שטאדט אדער שטעדטיל, עס האנדעלט זיך דאך וועגען דער וועלט-שריפה, וואס קאן א ליאדע מינוט אויסברעכען, איז אינטערעסאנט צו וויסען, צו אט די אלע פייערלעשער, וועלכע זענען דא געקומען און ווען מען זאל אפילו צורעכענען די אלע פייערלעשער, וועלכע זענען געבליבען אינדערהיים, צו זיי אלע צוזאמען וועלען זיין אימשטאנד צו לעשען די גרויסע וועלט-שריפה, וועלכע האלט אין אויסברעכען.

— דו ביזט גערעכט חיים — איז מסכים דער צווייטער מיטשמועסער — ס'איז טאקי א ריכטיגע שאלה, ווארום ערגיץ וואו דושעט שוין דער רויך, מען פיהלט דעם סמאנד און עס איז מעהר ווי זיכער, אז אויב נישט היינט מארגען, וועט איבערמארגען דאס פייער אויסברעכען. איז טאקי א גרויסע פראגע צי אט די דאזיגע פייערלעשער וועלען זיין אימשטאנד צו לעשען אט די וועלט שריפה...

מיר הויבען נישט אן צו וויסען...

אין רעדאקציע איז מען געקומען געוואויר ווערען וועגען אויסגאנג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „ארט", וועלכע האט געזאלט אדער איז טאקי פארגעקומען די וואך. זיי זענען נייגעריג, וויפיעל מענשען עס זענען געקומען אויף דער פערזאמלונג, וויפיעל מיטגלידער די אינסטיטוציע צעהלט און בכלל איז זיי געווען אינטערעסאנט זיך צו דערוויסען וועגען דער טעטיגקייט, וואס עס פיהרט דער „ארט" ביי אונז אין שטאדט.

איך קוק אן די מענשען און פערשטעה נישט, וואס זיי ווילען. וואס פאר א פערזאמלונג, וואס פארא „ארט", וואס פאר א בעריכט? אז מיר הויבען נישט אן צו וויסען. זאגען דאס אבער די פרעגער האט מיר נישט געפאסט. וואס הייסט דאס, א רעדאקציע זאל מען נישט צוויסען טהון, אז עס קומט פאר אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג פון אזא עפענטליכער געזעלשאפטליכער אינסטיטוציע, ווי עס איז דער „ארט"? האב איך זיך ארויסגעדרעהט מיט א תירוץ, אז איך בין נישט מחויב צו ענטפערען מונדליך, אויף דעם האבען מיר א צייטונג און טאמער איז טאקי פארגעקומען א פערזאמלונג, וועט מסתמא זיין א בעריכט און טאמער האט מען אונז נישט צוויסען געטהון, איז א סימן, אז קיין אלגעמיינע פערזאמלונג איז טאקי נישט פארגעקומען. ווארום איך קאן מיר נישט פארשטעלען, אז די טהוער פון „ארט" זאלען מאכען אלגעמיינע פערזאמלונגען און מיר זאלען נישט אנהויבען צו וויסען...

לויתן

י. אייגער

ביים טויער

ביים טויער איז איינגעפיהרט אזא מנהג: דריי מאל אין טאג אין בעשטימטע שעה'ן קומט צו צום טויער דער געפאנצערטער אויטא און דער ענגלישער סערזשאנט, וועלכער האלט ביי זיך דעם שליסעל פונ'ם טויער, שליסט־אב, לאזט אריין די, וואס זענען געקומען קיין חניתה, און לאזט־ארויס די, וואס פאהרען ארויס פון חניתה. דערביי ווערען שטרענג רעווידירט די דאקומענטען, ווייל כדי צו פאהרען איבער'ן מיליטער־כבש, לענגאוים דער צפון־גרעניץ, פאדערט זיך א ספעציעלע ערלויבעניש. ביידע נייע ישובים, חניתה און חירבת סמח, געפינען זיך אויף יענער זייט פונ'ם דראהט־צוים (טעגארט־וואנד) און דער צוגאנג צו זיי איז נישט פריי. פיהלט מען זיך מאדנע, ווען מען שטעהט אונטער'ן פערשלאסענעם טויער פאר חניתה. מען פיהלט א יראת־הכבוד פאר'ן הייפעלע מענשען, וואס האבען זיך פערקליבען דארטען אויפ'ן שפיץ בארג. עס קומט אויפ'ן געדאנק: מסדה דאמאלס — מסדה פון חורבן, איצט — מסדה פון גאולה...

מיר שטעהען א לאנגע צייט ביים טויער, אבער דאס ווארטען איז גארנישט לאנגווייליג. דאס אויג איז פערכאפט פון דער לאנדשאפט, פון דער מילדער, ווייכער שבט־זון, וואס גיסט אינ'ם העל־בלויען הימעל אזוי ברייטהארציג, א שפע ליכט און ווארימקייט. דער פער'חתמ'עטער בארג אויף יענער זייט דראהט־צוים אונטער א פערשלאסענעם אייזערנעם טויער, דער כביש, און וויטער — א ברייטע פלאכע, געדיכט פערזייט מיט גרויסע שטיינער, און נישט ווייט פון האריזאנט פערצוימען איהר דעם וועג א גרופע בערגלעך, פארפאסטענס פון די גליל בערג. דארט אויפ'ן געגלוסטען בארג פון חניתה איז פארם, געדאנק און שטרעבונג, דא איז פארמלאזיגקייט און בראשית כאאס. עס לויפען־דורך שאטענס, דער קורצער־ווינטער־טאג געהט מיט גיכע שריט פון חניתה אהין צום האריזאנט. און שפעטער ווען די נאכט וועט ארומנעמען די גאנצע געגענד, וועט פון דארטען קנאלען א שאס צום בארג, ווענען דער פארם, געגען דעם געדאנק.

א פייערליכקייט פון דער נאטור איז אויסגעשפרייט איבער דער געגענד. א שפיעל פון ליכט און שאטען. דארט, וואו מיר שטעהען, איז א העלע זונליכט. ווייט אויפ'ן בארג פון חניתה און אויפ'ן פיינדליכען צו איהם האריזאנט. מיר שטעהען אין דער מיט און דער טאג געהט מיט גיכע שריט אהין פון חניתא, און איינער פון אונז זינגט אין העבראאיש שטילערהייט א טרויעריג מאנאטאנען עקספראמט, פול מיט מיסטיק, פול מיט לעכצענדער בענקשאפט:

עפען אונז אויף דעם טויער,
ווייל די זון געהט אונטער;
אראב פון דער שוץ־מויער
געהט די וואך ארונטער.

* * *

מיט די שטערען ביז פארטאג
רוישען סודות ווי א מ'ה"..
אך, א נאכט א נאכטעלע
שטעלט זיך דא אין גליל!

און מיר שטעהען אלע אזוי געשפאנט, פערכאפט פון דער פייערליכקייט און דער נאטור' פון איהר יעדער פארב, פון איהר יעדען קלאנג, און א ווארימקייט צעגיסט זיך איבער'ן קערפער אין א דאנקבארקייט, א טיפע דאנקבארקייט פאר'ן דאזיגען ווינקעל אויף דער ערד, וואו מיר קאנען זאגען: דאס איז אונזערס.

די געיאגטע ברידער, די וואס וואנדערען איצט צווישען די גרעניצען אין „קיינעמס לאנד", די אנגעזאפטע מיט ליידען און פיין, וואס בלאנקען ארום ווי צ'ג'ינער, ווי מצורעים, ווען זיי זאלען זיך דערשלאגען אהער און זיך קאנען ציטולען צום שויס פון דער דאזיגער ערד צי איז פערהאן א פרייז, וואס איז צו טייער פאר דעם? פאר דעם, ווען די דאזיגע געיאגטע זאלען קאנען זאגען און פיהלען, אז זיי זענען ביי זיך אין דער היים און דעריבער דאכט זיך מיר, אז עס איז גאר אומזיסט די מיה, וואס דער באדען־מומחה שטעהט דא און דערצעהלט מיר מיט התלהבות וועגען די מעלות פונ'ם דאזיגען באדען, וועגען דעם רייכטום פון דעם גליל העליון.

עס איז אונזער גליק, זאגט דער מומחה, וואס די דאזיגע געגענד זעהט אזוי אויס ווילד, בעדעקט מיט שטיינער, פעלזען און שטרויכען. אהן א סימן באדען פאר דעם אקער. קיינער פון די רעגירונגס שליחים האט זיך נישט געגעבען די מיה אריינצודרינגען אביסעל טיפער און זעהן, אויב מען קאן מיט דעם באדען עפעס מאכען. פאר אנ'ענגלענדער איז עס דקדוקי־עניות, און ער האט איהם ליבער בעצייכענט אלס אונקולטווירבארער. און וועגען די אראבער איז נישטא וואס צו רעדען, אז זיי וועלען זיך נישט געבען קיין מיה צו געפינען באדען צווישען די דאזיגע ווילדע פעלזען. פון דעם גאנצען שטח פון חורבת סמח וואס פערנעמט פיער טויזענד דונאם האבען די אראבער בעארבייט צעווארפענע שטיקלעך באדען בסך־הכל נישט מעהר ווי 274 דונאם. דער דאזיגער באדען ווארט אויפ'ן מיהואמטען יודען. וועלכער וועט זיך נישט אבשטעלען פאר קיין שום קרבנות, כדי איהם צו בעלעבען, כדי צו געווינען נאך א שריט פון איהם. ער וועט זיך נישט אבשטעלען פאר קיין שום שווערער ארבייט, — ער וועט ארויסרייסען פעלזען און שטיינער, ער וועט אויסהאקען ווארצלען און וועט בעדעקען מיט ערד די פליסיגע ערטער, ווייל... ווייל נאר דא קאן ער זאגען, אז דאס איז זיינס, ווייל נאר דא איז זיין היים.

איבער א העלפט פון די באדענס אין ביידע גליל'ס, גליל התחתון און גליל העליון, 950.000 דונאם פון 1.610.000 דונאם ווערען נישט בעארבייט. אויף דעם באזירען די רעגירונגס־מומחים זייער בעהויפטונג, אז עס איז נישטא קיין באדען פאר יודישער קאלאניזאציע, אבער די יודען ווילען דוקא דעם דאזיגען באדען ערוועבען און דורך זייער שוויס און מיה איהם מאכען קולטווירבאר. זיי האבען איהם גרונדליך אונטערזוכט און אויסגעפונען, אז דער באדען האט זעלטענע אייגענשאפטען. ער פערמאגט א טיפע פייכטקייט און הויכע פרוכטבארקייט און דא וועלען וואקסען כל'ערליי פרוכטען, דא וועט וואקסען גרינס, אהן בעוואסערונג כמעט א גאנצען זומער, דא וועט וואקסען די בעסטע פאשע פאר בהמות. די רעגירונגס מומחים זאגען, אז נישט ווייניגער ווי 400 דונאם דארף מען דא האבען פאר א משפחה, וי זאל מאכען א לעבען בדוחק, און די יודען וועלען אויף אזא שטח בעזעצען צעהן משפחות און די ערד וועט זיי שפייזען דוקא נישט בדוחק. אויף אט די באדענס וועלען די יודען בעזעצען 25.000 משפחות ערד־ארבייטער און נעבען זיי וועלען זיך שפייזען נאך 25.000 דארפס־משפחות.

דאס איז נישט קיין פלאן לעתיד־לבוא, זאגט דער באדען־מומחה נאר אט וועט איהר שוין זעהן די התחלה־חניתה און חירבת־סמח — ווי מען שטיינערט אויס, מען רייסט־ארויס פעלזען, מען גרייט צו און מען אקערט.

איך בין אויף קיין האר נישט מסופק, אז עס איז אזוי, נאר דא ביים געשלאסענעם טויער פון חניתה דוכט זיך מיר, אז זיין מיה איז אינגאנצען איבעריג, ווייל א ח"ק אלע מעלות, וואס ער האט אויסגערעכענט, איז דאך בכלל נישטא פאר די יודען קיין שענערע און בעסערע געגענד ווי דער גליל העליון. צי דארף ער מיר דערצעהלען און איינרעדען, ווען דאס הארץ און די נשמה זענען איבער'ן ראנד איבערפולט מיט ליבע צו יעדען בארג און בערגעל, שטיין און פעלז, פון חניתה ביז צום פיינדליכען האריזאנט, ליעבע צו אלץ, איך ווייס נישט צי וויטערע וועלען מיר פערשטעהן — אפילו צו די טעראריסטען...

דאס איז דער סוד פונ'ם קאמף פאר אייגענס, פונ'ם קאמף פאר אויפריכטונג.

מיט וואס ס'בעשעפטיגען זיך יודען אין דייטשלאנד

(איינדרוקען פון א קורצען בעזוך אין בערלין)

דער יורישער זשורנאליסט ח. וויסאל שרייבט:

ווי אזוי לעבען איצט די יודען אין דייטשלאנד?

אויף דער דאזיגער פראגע וויל איך פרובען צו געבען א תשובה. איך וויל דא פרובען אין קורצע שטריכען צו שילדערן זייער עקזיסטענץ, און דאס איז נישט פון די לייכטע זאכען. די היינטיגע עקזיסטענץ פון די יודען אין דייטשלאנד קאן מען נישט אנרופען „לעבען". אין די גרעניצען פון אלטען דייטשלאנד, אין עסטרייך און אין דעם סודעטען געביט, זיינען נאך פערהאן ביים היינטיגען טאג, ווי מען שאצט, ארום 330 טויזענד יודען. אין בערלין אליין געפינען זיך נאך ארום 120—130 טויזענד יודען.

מענשען, וועלכע האבען נישט קיין רעכט אויף ארבייט; מענשען וועלכע טארען זיך נישט בעשעפטיגען מיט קיין פאך, טארען נישט האנדלען, טארען נישט זיין קיין בעלי־מלאכות; מענשען, וועלכע קאנען נישט געהן וואו זיי ווילען און טארען נישט זיצען וואו זיי ווילען — ווי אזוי קאנען לעבען אזעלכע מענשען? שטעלט איהר זיך פאר אזא עקזיסטענץ? עס זענען געוועזען ביי יודען פערשידענע חורבנות, אבער אזא חורבן, ווי אין דייטשלאנד, איז נאך קיינמאל נישט געוועזען. אזא חורבן איז אפילו שווער זיך אויסצומאהלען אין דער פאנטאזיע.

אבער לאמיר דערציילען כסדר:

אלע מענשען אין דייטשלאנד מוזען האבען זייערע פערזענליכע דאקומענטען, פעסער, זיי זאלען קאנען זיך אויסלעגיטימירען, ווען מען וועט דאס פון זיי פערלאנגען.

די יודען האבען א ספעציעלען דאקומענט, וואס רופט זיך „קען־קארטע", א קארטע, לויט וועלכער מען דערקענט גלייך, אז איהר בעזיצער איז א יוד. אויף דער יודישער „קען־קארטע" מוז אויך זיין א פינגער־אבדרוק, אזוי ווי אויף די דאקומענטען פון פערברעכער. אויף די פערזענליכע דאקומענטען פון די דייטשען איז נישטא קיין פינגער־אבדרוק.

דעם דאזיגען דאקומענט מוז דער יוד שטענדיג טראגען מיט זיך. ער טאר די „קען־קארטע" קיינמאל נישט איבערלאזען אין דער היים. פסח, ווען יודען זענען געגאנגען פון די שוהלען, האבען די „געשטאפא"־אגענטען פערהאלטען און קאנטראלירט, צי זיי האבען מיט זיך זייערע „קען־קארטען". האט ווער נישט געהאט זיין פערזענליכען דאקומענט מיט זיך, איז ער בעשטראפט געווארען מיט 30—50 מארק.

אין אזעלכע פאלען זענען געווען א סך יודען, וואס איבערבייטענדיג זייערע וואכענדיגע בגדים אויף יום טוב'דיגע, האבען זיי אין זייערע וואכענדיגע בגדים פערגעסען זייערע „קען־קארטען" און האבען דערפאר בעצאהלט שטראף.

אין אייניגע גרעסערע שטעדט פון דייטשלאנד האבען די יודען „אייגענע" קינאס, וואס זענען איינגעארדענט דורכ'ן יודישען „קולטור־בונד". די דאזיגע קינאס זענען דער איינציגער „פערוויילונגס ארט", וואו יודען מעגען פערברענגען. בלויז אויף די לייוואנטען פון די בילדער קאנען זיי זעהען דאס לעבען. וואס טהוען אבער די „געסטאפא"־אגענטען? זיי שטעלען זיך אוועק ביי די ארויסגענג פון די קינאס און קאנטראלירען, צו די יודען בעזיצען זייערע „קען־קארטען" און ווידער שטראפען פאר די, וועלכע האבען זיי נישט מיט זיך.

איהר ווייסט דאך, אז יעדער יוד אין דייטשלאנד מוז צו זיין אייראפעאישען נאמען האבען צוגעגעבען דעם נאמען „ישראל" פאר א מאן, און דער נאמען „שרה" פאר א פרוי. האט א יוד פערגעסען צוצושרייבען זיין נאמען „ישראל" — מוז ער גלייך בעצאהלען 50 מארק שטראף. א מענש, וואס האט אבגעלעבט זיינע 50—60 יאהר אונטער דעם נאמען האנס אדער פריץ, בערטהאלד אדער ווילהעלם, מוז פלוצלינג געדענקען, אז ער הייסט אויך „ישראל".

יודען זעהט מען היינט נישט איבער די גאסען פון בערלין, אדער פון אנדערע שטאדט. זיי האבען זיך מורא צו בעווייזען זיי האבען מורא צו ווארפען זיך אין די אויגען. מען זאל זיי בעסער נישט בעמערקען, זאל מען בעסער נישט וויסען פון זייער עקזיסטענץ.

עס זענען אבער פערהאן אויך אנדערע סבות, פאר וואס מען זעהט היינט נישט קיין יודען איבער די גאסען. די יודען זענען אלע פערנומען, זיי האבען קיין צייט נישט ארומצוגעהן ליידיג.

מיט וואס? זיי האבען דאך נישט קיין בעשעפטיגונגען? יא, בעשעפטיגונגען האבען זיי טאקע נישט, אבער פערנומען זענען זיי. זיי זיצען אב גאנצע טעג אין די ביוראס פון הילפס־פעראיין", וואו זיי קומען זיך טיילען מיט זייערע צרות; זיי זיצען אב אין די ביוראס פון די פאליציי־אמטען, וואו זיי האבען צו ערלעדיגען די פארמאליטעטען וועגען אויסוואנדערן; זיי זיצען אב אין די פערשידענע קאנסולאטען, וואו זיי ווארטען אויף וויזעס און נומערלעך; און זיי שטעהען אב

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער אלטער דור געהט אוועק...

ביידע נפטרים: ר' בעריל באטשאן ז"ל און ד"ר לודוויק באטאוויא זענען היגע געבוירענע פון דור דורות, ביידע האבען זאגאר געלערנט אין איין חדר, ביי איין מלמד — ביי אייזיק מיושע ז"ל. דער אונטערשיד איז נאר, וואס ר' בעריל באטשאן איז געבליבען א רעליגיעזער נאציאנאלער יוד און ד"ר באטאוויא איז געווארען א דאקטאר און א פארטגעשריטענער. כלל־טהוער זענען אבער ביידע געווען, פרעזעסען פון אינסטיטוציעס, וואס האבען די אויפגאבע צו שטיצען מאטעריעל די ארימע ברידער אין שוועסטער.

אין איין וואך זענען זיי געשטארבען. ד"ר באטאוויע איז געווען מיט א פאר יאהר עלטער פון ר' בעריל באטשאן, ביידע האבען אבער נאך געקענט לעבען און ווידמען זייער ארבייט, זייער ענערגיע לטובת דער ארימער יודישער בעפעלקערונג.

איך מוז ביי דער געלעגענהייט ווידער אנריהרען דעם אלטען סענטימענט מיינעם פאר די טשענסטאכאווער געבוירענע. זאגט אייך וואס איהר ווילט, נאר א טשענסטאכאווער געבוירענער איז א מענש אנ'ערנסטער. אויב ער טהוט עפיס, טהוט ער עס בלב שלום, מיט זיין גאנצער נשמה און דאס טאקי קאן מען זאגען וועגען די צוויי נפטרים, כאטש זיי זענען געווען ווייט איינער פון אנדערען לויט זייערע כאראקטערען און איינשטעלונג. ר' בעריל באטשאן איז געווען א מוסטער פון ערליכקייט און פונקטליכקייט, יעדע זאך, וואס ער האט געטהון, האט דאך געטראגען דעם חותם פון הונדערט־פראצענטיגער שלימות, אהן שום פניות. דאס זעלבע איז געווען מיט'ן דאקטאר באטאוויע. מיר האבען געקאנט יא ערער נישט מסכים זיין מיט זיינע אידעען בנוגע דער נאציאנאלער פראגע, ערליך אבער אין זיין געדאנק איז ער געווען. אפילו אין די יאהרען, ווען ער האט געפרעדיגט אסימילאציע האט ער עס אויך געמיינט ערליך.

עס געהט אוועק דער אלטער דור און מען זעהט נישט, אז עס זאלען בלייבען פערטרעטער. די היינטיגע יוגענד טראכט וועגען אנדערע מעשים, זיי נעמען זיך נישט אזוי שטארק איבער מיט די צייט־פראגען, ס'זענען אנדערע מענשען, אנדערע דורות. טהוט דעריבער וועה, ס'נאגט א וועהטאג אין הארצען, ווען דער אלטער דור געהט אוועק...

א ביסעל ארץ־ישראל־ערד...

ר' בעריל באטשאן האט זיין לעבען געווידמעט, איבערהויפט אין די לעצטע יאהרען לטובת די הונגעריגע און נויטליידענדע. ווען מיר זאלען אפילו נעמען בלויז זיין טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון „תומכי עניים", קאן מען דאך וועגען דעם אנדערצעהלען חדושים. צעהנדליגער און הונדערטער פאמיליעס האבען דאך אין איהם געזעהען דעם איינציגען רעטער, זיי זענען געקומען אין דער רעדאקציע אויסגיסען זייער ביטער הארץ. יעדער האט זיך געוואנדען צו איהם: ר' בעריל, פאניע באטשאן און שוין האט זיך בעוויזען אין זיין אויג א טרעהר, פערשריבען זיך די אדרעס און באלד איז ער אריינגעטראגען געווארען אין דער רשימה פון די מקבלים.

דערצעהלען, ווי אזוי די אינסטיטוציע האט אויסגעזעהען איידער ר' בעריל באטשאן האט זי אבערגענומען און ווי זי האט זיך פונאנדערגעבליהט בעת ער האט נעארבייט אין איהר, איז איבריג. דאס ווייסען דאך אלע, איבערהויפט די גוט־שבת יודעלעך, וועלכע האבען איהם ממש פערגעטערט ביים לעבען און געבליבען יתומים, ווען ער איז געשטארבען און נישט נאר די מיטארבייטער האבען איהם ליעב געהאט, נאר אויך די מקבלים זענען איהם געווען איבערגעבען און דאנקבאר און כדי אט דאס צו בעשטעטיגען וויל איך איינעם אזא קוריאז דערצעהלען.

צווישען די מקבלים פון „תומכי־עניים" איז אויך פערהאנען א בכבודער יוד, א שטרענג־פרומער, וועלכער האט זיין ביטער הארץ אויסגעגאסען פאר'ן נפטר און דער נפטר, קענענדיג דעם זעלבען נאך פון דער יוגענד, ווען ער איז געווען א פערמעגליכער מענש פון א בעל־בתיש הויז, האט איהם ווי וויט מעגליך אונטערשטיצט, סיי מיט נדבות פון „תומכי עניים" און אנדערע אינסטיטוציעס, סיי פון דער אייגענער קעשענע. אזוי, אז דער זעלבער איז געווען אנ'אפטער גאסט ביי ר' בעריל באטשאן אין דער פריוואט־וואוינונג. פלוצים ווערט ער געוואויר, אז ר' בעריל באטשאן איז קראנק און שפעטער קומט אן די פינסטערע בשורה, אז ר' בעריל באטשאן שבק חיים לכל חי. נו מילא, דער צער פון דעם יודען איז נצווען אין לשער. ער האט זיך נישט געקאנט קיין ארט געפינען. ער האט געוויינט און געביטערט, אזוי ווי עס וואלט איהם אבגעשטארבען דאס טייערסטע און הייליגסטע. ער האט משניות געלערנט ביי דער טהרה, געהאלפען טראגען די מטה, און שפעטער ווען מען איז געקומען אויפ'ן בית־עלמין, האט ער זיך פערטרויט פאר איינעם און איהם איבערגעגעבען א ביסעל ארץ־ישראל־ערד און געבעטען, אז מען זאל עס אריינשיטען אין קבר פון נפטר.

ער האט מיך געשטיצט ביים לעבען — האט ער געיאמערט — ער האט מיך מיט מיין פאמיליע געראטעוועט פון אונטערגאנג, טא מיט וואס קאן איך איהם אבדינען. האב איך מיר בעהאלטען א ביסעל ארץ־ישראל־ערד, וואס דאס איז ביי מיר דאס איינציגע פערמעגען, שענק איך עס איהם אוועק. זאל דאס דאזיגע ביסעל ארץ־ישראל־ערד זיין דער אויסדרוק פון מיין איבערגעבענהייט פאר'ן נפטר.

דאכט זיך, אז דער דאזיגער קוריאז רעדט א סך מעהר ווי טויזענדער שבחים, אט די מעשה מיט'ן ביסעל ארץ־ישראל־ערד...

עשה למען תינוקות...

טויזענדער יודען וואלגערען זיך ארום אויף גאס'ן וועלט אהן א דאך איבער'ן קאפ און אהן באדען אונטער די פיס, הונגעריג און קיין האנד שטרעקט זיך צו זיי נישט אויס, די ערד איז צו קארג זיי צו שענקען א שטיקעל באדען און דער הימעל איבער זייערע קעפ איז מיט בליי אנגעגאסען און לאזט נישט אדורך קיין שטיקעל זון.

מיט די דאזיגע אומגליקליכע נעוונד'ניקעס פון 20 טען יאהרהונדערט שלעפען זיך אויך מיט זקנים און גאר קליינע קינדערלעך. מיר האבען געהאט די מעגליכקייט דאס צו אבסערווירען, בעת עס זענען דא ביי אונז אין טשענסטאכאו געווען עטליכע 30 פליטים, וועלכע מען האט פערמשפט פאר איבערגעהן אומלעגאל די גרעניץ

שטאַרקט די הענד פון די יודישע לעגיאנערען דורך קרן תל חי!

דער סוף פון אַ דיסקוסיע

די נייע בעלי־בתים פון די טערטיפיקאַטען!

אין משך פון די לעצטע פאַר יאהר, האט זיך געפיהרט די דיסקוסיע וועגען דער צאָהל פון סערטיפיקאַטען, וואס מען דאַרף דער יודישער יוגענד געבען. בעשלאָסען געוואָרען איז, — אז מען וועט זיי... גאָרנישט געבען, ווייל ערשטענס ווילען דאָס די אַראַבער נישט ליידען, צווייטענס; ווייל... אַ 25 טויזענד סערטיפיקאַטען האבען זיך די יודישע יונגגעלייט אליין גענומען...

דער לאנדאנער „טיימס" שטעלט פעסט, אז אין משך פון לעצטען יאהר זענען אריין קיין ארץ־ישראל 25.000 אומלעגאַלע עולים

ד אָ ס איז דער רעזולטאט פון צ נ ' א וואַנטורע...

מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט זשאַבאָטינסקי געוואָרפען די לאָזונג: יודישע יוגענד — דורך אַלע וועגען קיין ארץ־ישראל! א ים פון חוזק מצד „קלוגע" דערוואַקסענע איז געוועזען דער ענטפער. יוגענד האט אבער געפאָלגט דעם „אוואַנטוריסטישען" געדאַנק וועגען פרייער עליה און רייסט זיך אריין דורך אַלע גרעגען, דורכמאַכענדיג די הייליגסטע הכשרה דורך מסירת־נפש אויף דער יבשה, אויפ'ן ים און לסוף אויף איהר אייגענער הייליגער מוטער ערד.

אַ יישר־כח דער דאזיגער יוגענד פון אַלע ריכטונגען, וועלכע האָבען געפאָלגט און פאָלגען ווייטער דעם דאָזיגען „אוואַנטוריסטישען" רוף צו עליה „אף על פי"!

קיין ארץ־ישראל דורך אלע וועגען ראַטעוועט נישט בלויז פון אלע גהינומס פון גלות, גאָר פיהרט אויך מיט ריזען־שריט צו דער דערגרעהנטערונג פון מעהרהייטס שאַפונג און במילא צו מלכות־ישראל.

די איצטיגע יוגענד רעאַליזירט אַזויארום זיין זעלבסט־הילף און די האָפנונג אויף דער יודישער מלוכה צוגלייך.

לכן איז דאס נישט בלויז פאָטער־ און מוטער־פליכט, נאָר אויך אַ מלוכה־פליכט אריבערצוהעלפען זיי קיין ארץ־ישראל.

דעריבער בין איך שטאָלץ, וואס גראד דער יודישער שטאַאטספאַנד, דער „קרן־תל־חי" שטיצט מיט אזא ברייטער האַנד אַלע עולים, וועלכע ווענדען זיך צו איהם נאָך מאַטעריעלער שטיצע צו זייער אָפּרייזע.

איך האָב דאָס רעכט עפּענטליך צו שטאָלצירען, פעסטשטעלענדיג, אַז אין אַלע הונדערט פראָצענט פאַלען, ווען מען האט זיך צום „קרן תל חי" געווענדעט נאָך אַזאַ סובסידיע, איז די ביטע בעריקזיכטיגט געוואָרען.

מיר זענען נאך מעהר שטאָלץ דעריוף, וואָס דורך עליה ב' ווערען געשיקט יודען, אָהן אונטערשיד פון ריכטונג אין ציוניזם. מיר מיינען, אַז דאס איז איינע פון די סיבות, וואָס פאַר דעם „קרן תל חי"־זאַמלער איז היינט אָפען יעדעס יודישע הויז.

עס פערשטעהט יעדער יוד, אַז דורך אַ מאַסען־עליה דורך אלע וועגען. דורך סיסטעמאַטישער שאַפונג פון א יודישער מעהרהייט אין ארץ־ישראל, ווערט אַ סוף געמאַכט צו יעדער דיסקוסיע איבער ווייסע און שוואַרצע ביכער.

נאָך דער פּלאַנצונג פון טויזענטער און טויזענטער בוימער אין ארץ־ישראל מוזען היינט קומען צעהנער און צעהנער טויזענדער יונגע לעבענס, וועלכע וועלען די בוימער פפלעגען און בעיקר איבערוואַכען!

אַ הארציגער יישר־כח דעם „קרן תל חי", וועלכער שטרעקט היינט אויס זיין האַנד צו העלפען יעדען יונגען יוד אין זיין געוואָגטען וועג אין זיין היימלאַנד.

דר אמתי.

דער פערבאַנד פון טשענסטאָכאָווער אין תל־אביב מוז אָרגאַניזירט ווערען

(פון אונזער ארץ־ישראל־קאָרעספאָנדענט עזריאל יאַקובאָוויטש)

ווי מיר האבען שוין בעריכטעט זיין פויריגען בריעף איז דער אזוי־גענאַנטער פערבאַנד פון טשענסטאכאווער עולים דע־פאַקטאָ נישט אָרגאַניזירט. עפּיס הייסט עס פערבאַנד, אָבער עס איז נישטאָ און ס'איז זאָגאָר נישטאָ קיין אַדרעס. ווען דער פרישער עולה קומט אין לאַנד האט ער זיך פאַקטיש נישט צו וועמען צו ווענדען. די אַדרעס איז: פרייטאַג. אמת, ה' פרייטאג טהוט וואס נאָר מענליכעס, ער לאָזט שטעהען אלע זיינע פריוואַטע געשעפטען און העלפט ווי ווייט מעגליך צו דעם פרישען טשענסטאכאווער עולה דורך אנווענדען זיין גאנצע ענערגיע און פראָטעקציע, וועלכע ער האט זיך שוין דאַ איינגעשאַפען און ערוואָרבען, אלס בעקאַנטער און געזעלשאַפטליכער און עהרענהאַפטער טהוער. קאָן דען אָבער איין שוואָלב זומער מאכען! ביי זיין בעסטען ווילען, איז ה' פרייטאג נישט אימשטאנד צו טראַגען הילף אלע, וואס ווענדען זיך צו איהם.

די פראַגע וועגען שאַפען א טשענסטאכאווער פערבאַנד איז איצט דאָפּעלט וויכטיג, ווען מען זאָל נעמען אין בעטראַכט, אז איצט, טאַקע גראַד אין דער צייט פון די בלוטיגע געשעהענישען אין לאַנד, וועלכע דויערען שוין דריי יאהר, שטראָמט א גרויסע עמיגראַציע פון דער ציוניסטישער יוגענד אין טשענסטאכאָוו קיין ארץ. כמעט מיט יעדער פאַרטיע קומען אָן אייניגע טשענסטאכאוואַער. מען שטעלט זיך פשוט איין דאס לעבען, מענשען פאהרען צו דריי מאָנאַטען אויפ'ן אָפענעם ים. מען לעבט אַדורך די שרעקליכסטע ענויים, הונגער און דורשט, ביז מען דערזעהט דאס הייליגע לאַנד פאַר די אויגען. און ווען מען קומט שוין אַראָב פון דער שיף איז מען נאַקעט און בארוועס און אין גרעסטען טייל פאַסירט, אז קיין גבורים איז אויך אין לאַנד נישט פערהאַן. אלזאָ צו וועמען זאָל זיך אזא בחור ווענדען נאָך הילף און שטיצע אויב נישט צו זיינע לאַנדסלייט, צו טשענסטאָכאָווער! אין תל־אביב האט מען דאָך נישט קיין צייט און אפשר אויך נישט קיין פיעטעט פאַר די פריש־אָנגעקומענע, עס איז דאָך א הו־הא, יעדער לויפט פערשמייעט נאָך זייערע קאָפּ־דרעהענישען. קומט פשוט אויס אזא עולה ווייטער זיך צו פייניגען און פאָרטזעצען דעם הונגער אין לאַנד פון זיינע האָפנונגען און טרוימען.

וואָלט אָבער געוועזען א פערבאַנד, וואָלט דערצו נישט געקומען, נאָר מען וואָלט אזא בחור ווי נישט איז איינגעאָרדענט, געשאַפען ארבייט און בעזאָרגט מיט'ן עלעמענטאַרסטען, וואס א מענש נויטיגט זיך. און דאס איז דאָך אין גרונד גענומען א גאנץ מעגליכע זאַך, ווייל טשענסטאכאווער האָבען דא השפעה, בכדי אויסצואיבען א דרוק אין די אָפיציעלע אמטען, ווי אויך אין די לייה־קאַסעס, בכדי די פרישע עולים צו העלפען איינאָרדנען.

דער טשענסטאָכאָווער פערבאנד מוז ווי אמשנעלסטען אָרגאַניזירט ווערען. די פראגע איז א ברענענדע, איבערהויפט איצט, ווען עס קומט ווידער אָן א פרישע פאַרטיע און אויב אין וועג אריין גרייט זיך — לויט די שמועות, וועלכע דערגייען פון טשענסטאכאוו — א נייע גרויסע פאַרטיע יוגענדליכע.

מיר אַפּעלירען צו דעם טשענסטאָכאָווער יודענטום, וועלכע וואוינען אין ארץ־ישראל, דורך די שפאַלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג": אָרגאַניזירט זיך, בכדי צו העלפען אייערע ברידער, וועלכע געפינען זיך אין א עת צרה.

די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירען די טשענסטאכאווער האבען אויף זיך גענומען די אזוי־גערופענע וותיקים פון ציוניזם און בויער פון דער פועלי־ציוניסטישער בעוועגונג אין טשענסטאכאוו. די געזעלשאפטליכע טהוער, וועלכע געפינען זיך שוין אייניגע יאהר אין לאַנד, די ה"ה: ג. פרייטאג, א. גאָטליב, ש. רייך א. א.

לאָמיר פערהאָפען, אז אונזער אַפּעל וועט אריינדרינגען אין די מוחות פון די טשענסטאכאווער אין ארץ־ישראל און עס וועט זיך ביי זיי דאָך ערוועקען דער סענטימענט פאַר די ברידער פון דער אלטער היים.

עס איז די העכסטע צייט און א געבאָט פון דער שעה.

פון „תומכי - עניים"

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן טויט פון זייער געאַכטעטען פרעזעס ר' דוב בער באָטשאַן ז"ל, איז פערגאַנגענעם זונטאג פאָרגעקומען א ספּעציעלע טרויער־זיצונג, געווידמעט דעם אַנדענקען פון חשוב'ן נפטר.

נאכדעם, ווי עטליכע מיטגלידער האבען זיך ארויסגעזאָגט וועגען דער שווערער אבידה וואס ס'האט געטראָפען די אינסטיטוציע איז בעשלאָסען געוואָרען פאָלגענדעס:

1) א גאַנץ יאָהר נישט וועהלען קיין ממלא מקומו.

2) צו די שלשים איינאָרדנען א הזכרה אויפ'ן קבר ווי אויך איינאָרדנען א הזכרה מיט טרויער־רעדעס.

3) פערשטאַרקען די טעטיגקייט פון „תומכי־עניים", כדי דאס ווערק פון נפטר זאָל נישט אתטערגעבראָכען ווערען.

4) אלע פּעראָרדנונגען און אָנווייזונגען פון נפטר זאלען אבגעהיטען ווערען אויף ווייטער, כדי דערמיט אויסצודריקען די פערעהרונג און ליבשאַפט, וואס די „תומכי־עניים"־מיטגלידער האבען געפיהלט צו זייער געערטען פרעזעס.

גלענצענדע פאָרשטעלונג דורך די שילער פון ד"ר אַקסערס גימנאַזיום

פערגאַנגענעם שבת, 5 נאכמיטאג איז אין קאַמעראַל־טעאַטער געגעבען געוואָרען א פאָרשטעלונג פון די שילער פון ד"ר אַקסערס גימנאַזיום.

דאס קאַמעראַל־טעאַטער איז געווען איבערפולט און א סך מענשען זענען אַוועק נישט בעקומענדיג קיין בילעטען.

ס'איז געגעבען געוואָרען א ווערק פון דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור „אַנטיגאָנע". די שילער זענען אויפגעטרעטען אין גריכישע קאָסטיומען, וואס האט דאס בילד געמאַכט פיעל שענער. די פאָרשטעלונג איז געווען א הערליכע, די קינדער האבען זיך פערטיפט אין זייערע ראָלען און געלונגען אויסגעפיהרט דאס, וואס מען האט זיי אָנפערטרויט.

ספּעציעל אויסגעצייכנט האבען זיך די שילער: זשאַלאַנדוש (2־טע קלאַס), שלעזיק (2 טע קלאַס) און זבאַראַווסקאַ (1 טע קלאַס ליצעאום).

דאס פובליקום האט זיי שטאַרק אַפּלאָדירט און צופרידען פערלאָזט די פאָרשטעלונג.

אבזורדיות פון די דייטשען

צווישען דער דייטש פוילישער גרעניץ אין דער געגענד פון פּראַשקאַ, האט זיך אבגעשפּילט א דראַמאַטישע סצענע:

די היטלעראָווצעס, וועלענדיג צווינגען א יוד ער זאָל אריבער די גרינע גרעניץ נאָך פוילען, האָבען זיי איהם מערדערליך געשלאָגען. דער יוד האט מורא געהאָט צו געהן זעהענדיג די אויסגעשטעלטע לופּעס בעגלייט מיט וואָרנונגס אויסרופען פון דער זייט גרעניץ.

דאס קאָסטעוועז דעם יוד האט אבער אנגענומען אַזאַ מורא'דיגען כאַראַקטער, אז א פוילישער גרעניץ־זעלנער האט נישט געקאַנט אויסהאַלטען, דאס רחמנות האט איהם אזוי איבערגענומען, אז נישט קוקענדיג אויף דער שטראַף וואס דראָהט איהם דערפאַר, האט ער נעגעבען א צייכען דעם אומגליקליכען יוד, אז ער זאָל אריבערגעהן די גרעניץ.

דער יוד, א געוויסער גרינשפּאַן, אנ'ערך 50 יאהר אַלט, איז אין א שרעקליכע לאַגע געבראַכט געוואָרען קיין וויעלון.

פאַר'ן יודישען שפּיטאַל

די קינדער פון דער פאַוושעכנע שולע נר. 13 האבען צוליב'ן פערענדיגען דאס שול־יאָהר געגעבען פון דער שולע־הילפס־קאַסע 20 זלאָטעס לטובת דעם יודישען שפּיטאַל.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי - הדת"

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מחזיקי הדת".

די פערזאַמלונג עפענט פרעזעס ה' קרעל, דעם פאָרזיץ פיהרט ה' ישכר מאָשקאָוויטש, ביים פרעזידיום זיצען די ה"ה: דוד פעלץ און אברהם־טשע טשענסטאָכאָווסקי, סעקרעטאַר — ה' יהושע זעליגמאַן.

ה' קרעל גיט אָב דעם בעריכט און בילאַנס, וועלכער האט בעטראָפען די סומע פון 4313,23 זל.

נאָך א דיסקוסיע, אין וועלכע ס'נעמען אַנטייל די ה"ה: טשענסטאָכאָווסקי, מאָשקאָוויטש, פרעסמאַן א. אנד., ווערט דער בעריכט אָנגענומען און עס ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 18 טויזענד זל. ווערט איינשטימיג אָנגענומען.

עס ווערען דאַן אָנגענומען פאָלגענדע פּאָרשלאָגען: 1) פון ה' קליינמאַן, אַז עס זאָלען צוגענומען ווערען לעהרער אויף למודי־חול, 2) פון ה' טענענבערג, אז מען זאָל אין די בתי־תפילות שאַפען פרישע מיטגלידער, 3) פון ה' יאַרקאָוויזנע, אַז מען זאָל פערשפּרייטען „מחזיקי־הדת"־פּושקעס אין אלע יודישע שטובען.

עס ווערט אויך בעשלאָסען צו שאַפען א בייראַט פון 10 פערזאָן, וועלכע זאָלען מיטהעלפען, אַז די הכנסות פון „מחזיקי־הדת" זאָלען זיך פערגרעסערען.

אין דער פערוואַלטונג ווערען אויסגעוועהלט אַנשטאָט די אָבטרעטענדע די ה"ה: יחיאל לאַנדוי, מנשה מרגליות, דוד קאָהען און הירשל וויינבוים.

די טרויער - אַקאַדעמיע צו דער ערשטער יאָהרצייט פון שלמה בן יוסף

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין „מכבי"־זאַל פאָרגעקומען א טרויער־אַקאַדעמיע, געווידמעט דעם אַנדענקען פון קדוש פון ראש־פּנה שלמה בן יוסף צו זיין ערשטער יאָהרצייט.

די אַקאַדעמיע עפענט פרעזעס ש. ניעמיראָווסקי און ער האלט א ריהרענדע רעדע וועגען לעבען און העלדישען טויט פון איינעם פון די שענסטע יודישע זיהן — שלמה בן־יוסף.

א יונגער בתרי מאכט אנ'אל מלא רחמים און אח בירנצווייג דעקלאַמירט.

די ה"ה י. יונגסטער און פּראָפּ. ב. וויינבערג האַלטען רעדעס מעגינא דיומא, פלעכטען אדורך מיט מאמרי חז"ל און רופען די יוגענד צו אויסדויער און עקשנות'דיגען קאַמף פאַר עראָבערן ארץ־ישראל אלס יודישע מלוכה.

ד"ר א. ליפּמאַן פון וואַרשא האלט דאן א שעהנעם לענגערען רעפעראַט, וועלכער מאכט אויף אלע אָנוועזענדע א געוואַלדיגען איינדרוק.

מיט'ן געזאַנג פון התקוה און בשוב ד' ווערט די איינדרוקספולע טרויער־אַקאַדעמיע געענדיגט.

פון בוכהאַלטערען פעראיין

מאנטאג, דעם 26 ד. מ. קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל פּונקטליך 8.30 אָוועגד א דיסקוסיאָנס־אָוועגד געווידמעט די פראַגע פון נייעם געזעץ פון אומזאַץ־שטייער.

מיט א רעפעראַט וועט ארויסטרעטען דער ח' יעקב ראַזיגער.

פון דער יודענשטאַאַט־פּאַרטיי

שבת, דעם 24־טען ד. ח. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל פּילסודסקי 23 א חברים פערזאַמלונג געווידמעט די שקל־אַקציע.

אלע חברים ווערען דיסציפּלינאַריש אויפגעפאָדערט צו קומען.

די האַנדווערקער־שולע

האבען היי־יאָהר געענדיגט פאָלגענדע שילער: איסער אַלעקסאַנדראָוויטש (פאָזשימיען), לעאָן בלום (אַלקוש), פנחס ליפשיץ, יצחק קאָניעצפּאָלסקי (זאַוויערטשע), וואָלף קוגעלמאַן (סאָסנאָוויץ), רפאל קאַנטאָר (וואַרשאַ), ברוך פּרינץ (בעלעסלאַוויעץ), יצחק וויס (פּיענטשנאַ), אברהם באַזשיקאָווסקי (שלאַנסק), יצחק טשאַרני, משה בראָקמאַן, פנחס ערעליסט, חיים פייערמאַן, מענדל פעלבריל, דוד גינסבערג, וואָלף גאָרפינקעל, זיסקינד געלבער, יוסף האָפּפּקאַ, ישראל קיפּער, מרדכי קראָקויער, שלום לייזעראָוויטש, סטעפאַן מאַנטאַג, יצחק הירש מיילך, חעניא נירענבערג, מענדל ראָטהאָלץ, דוד צווינער, דוד הויפטמאַן (אלע פון טשענסטאָכאָוו).

די ערשטע זיצונג פון נייעם שטאָדט-ראַט

לויט פערשידענע ידיעות האט דער ניי-געוועהלטער שטאָדט-ראַט געזאלט צונויפגערופען ווערען ערשט אין הערבסט, אָבער גאָר אונערהאָפט איז שוין מיטוואך פארגעקומען די ערשטע זיצונג, אויף וועלכער ס'זענען געקומען אלע ראַטמענער.

ביים ערשטען בליק אויפ'ן זאַל איז צו בעמערקען אַנ'ענדערונג אין די ראַטמענער - פראַקציעס, א סך נייע פנים'ער, הויפטזעכליך יונגע מענשען.

די זיצונג עפענט פרעזידענט שטשאַ-דראָווסקי מיט א קורצער רעדע און ער שטעלט פעסט די אַנוועזענהייט פון 45 ראַטמענער, אָבער מיט א קליינער פערשפעטיגונג זענען געקומען נאך דריי. דער פרעזידעגט בעגריסט די נייע ראַטמענער און דאַן זאָגט ער, אַז דער אַלטער שטאדט-ראַט דאַרף זיין שטאָלץ פון דער פרוכטבאַרער אַרבייט, אבער מסתמא וועט אויך דער יעצטי-גער ראַט, וואס איז געוועהלט אויף נייע 5 יאָהר, אַרבייטען אינטענסיוו פאר'ן וואויל פון דער שטאָדט.

אויפ'ן פאָרשלאַג פון ר. פאטשאר-קאווסקי (אַזאָן), דער אונטערשטיצונג פון די ענדעקעס ווערט בעשלאָסען אָבצוזלעגען דאָס וועהלען פון קאָמיס-יעס, אויסער דער יורידישער רעגולא-מין-קאָמיסיע און די ארבייטסלאָזע פראַגע, וואס זאָלען היינט בעטראַכט ווערען.

דאַן לעזט ר. זאַזשעצקי (נ. ד.) פאָר אַ דעקלאַראַציע וועגען א נאראָדאָווע ענטיודישע טשענסטאָכאָוו.

דערנאָך איז ברייט דיסקוטירט גע-ווארען די ארבייטסלאָזע פראגע און פערגרעסערען די צאהל בעשעפטיגטע אויף די שטאָדטישע ארבייטען.

אין דער רעגולאמין-קאָמיסיע זענען געוועהלט געוואָרען: אַדוו. דר. לייב אַש, אדוו. פאטשארקאווסקי, בראַקסאַ-טאַר, דאָמבראָווסקי און אַדוו. פלעבאַ-נעק; אלס פערטרעטער: באַרילאַ, קלע-כא, ליוורייי, אדוו. מארקאָוויטש און וואטשינסקי.

די זיצונג האט געדויערט 2 שעה.

געשיכטע פון יודען אין טשענסטאָכאָוו

די איניציאַטיוו-גרופע ארויסצוגעבען די געשיכטע פון יודען אין טשענסטאָ-כאָוו, וואס איז געשאַפען געוואָרען ביי דער היסטאָרישער קאָמיסיע פאר פוילען ביים יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט, ווענדעט זיך צו אלע טשענסטאָכאָווער מיט'ן פאָלגענדען אַפעל:

אַנ'ערך 250 יאהר עקזיסטירט דער יודישער ישוב אין טשענסטאכאוו. די ספעציעלע געזעצען, וואס זענען חל געווען אויף טשענסטאָכאָוו, ווי אויף א גייסטליכער שטאָדט האבען נישט מעג-ליך געמאכט, אַז עס זאָל דאָ פריהער אויפקומען א יודישע קהלה. במשך פון די 250 יאהר, וואס יודען וואוינען'אין טשענסטאָכאָוו, האבען זיי א סך ביי-געטראָגען צו דער ענטוויקלונג פון דער שטאָדט. יודישע אונטערנעהמער האבען מיט זייער איניציאַטיוו און פעהיגקייטען ענטוויקעלט א גאַנצע רייה צווייגען פון פראָדוקציע, ווי די מעטאַל אינדוסטריע, שפּילצייג, גאלאנ-טעריע אינדוסטריע א. אז. וו. און דער-מיט געשאפען ארבייטס-מעגליכקייטען פאר טויזענדער ארבייטער, יודען און קריסטען.

אויך אינ'ם יודישען לעבען האט טשענסטאָכאָוו געשפילט א גרויסע ראָל. די פערשידענע שטרעמונגען, וואס זע-נען טעטיג אין טשענסטאָכאָוו האבען אויפגעשטעלט א גאַנצע רייה אינסטי-טוציעס און אנשטאלטען, וואס זענען א צירונג פאר טשענסטאָכאָוו.

עס איז א חוב פון היינטיגען דור אָבצוגעבען כבוד די פערגאנגענע דו-רות. ס'איז אונזער חוב אונטערצופיה-רען א סך הכל פון דעם, וואס איז ביז איצט אויפגעטהון געוואָרען דורך די טשענסטאכאווער יודען אויפ'ן גע-ביט פון ווירטשאפט, קולטור א. אז. וו. צו דעם צוועק איז דורך א גרופע טשענסטאָכאָווער געשאַפען געוואָרען אונטער'ן פראָטעקטאָראט פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע פאר פוילען ביים יודישען וויסענשאפטליכען אינ-סטיטוט א קאָמיטעט, וואָס דאַרף אָר-גאַניזירען דאס ארויסגעבען די מאָ-נאָגראַפיע פון יודען אין טשענסטאכאוו.

דער טשענסטאָכאָווער קאָמיטעט ווענדעט זיך צו אלע טשענסטאכאווער אין פוילען און אין אנדערע לענדער, צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט'ן קאָמיטעט און צושטעלען אלע מאטע-ריאלען, וואס געפינען זיך אין זייער רשות (פאָטאָגראַפיעס, דאָקומענטען, ציימשריפטען א. אז. וו.) ווי אויך מיטהעלפען מאטעריעל דורכצופיהרען די געפּלאַנטע אויסגאַבע. אדרעס פון קאָמיטעט:

Komisja Historyczna przy Jiwo'
Warszawa 1, Chłodna 2 m. 4
dla Komitetu Częstochowskiego

אָדער:

יודישע קהלה אין טשענסטאכאוו פאר'ן מאָנאָגראַפיע-קאָמיטעט.

אַ קאָנפערענץ וועגען ארויסגעבען אַ מאָנאָגראַפיע פון יודישען טשענסטאָכאָוו

שבת, דעם 24-טען ד.ה. 9 א זייגער אָוועגד קומט פאָר אין קהלה-לאָקאַל א גרעסערע קאָנפערענץ מיט'ן אנטייל פון יונגען היסטאָריקער, ד"ר ע. רינ-געלבלום פון ווארשא, אויף וועלכער ס'וועט געשאַפען ווערען אנ'אָרטיגער קאָמיטעט, וואס זאָל מיטאַרבייטען מיט דעם שוין עקזיסטירענטען קאָמיטעט אין ווארשא, כדי ארויסצוגעבען אַנ'-אויספיהרליכע מאָנאָגראַפיע פון יודישען טשענסטאָכאָוו.

אַ באַנקעט לכבוד דער הגלילה-אַקציע.

שוין אין די נאָהנטסטע טעג הויבט זיך אין אונזער שטאָדט אָן די הגלילה-אַקציע. מיר אַלע גיבען זיך אָב אַ דין-וחשבון פון דעם אויטערסט-וויכטיגען ציעל, וואס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער אויסלייז פון גליל אין איצטיגען מאָמענט. עס איז דעריבער צו האָפען, אז דאס יודישע טשענסטאכאוו וועט אויך דאָס מאָל ארויסווייזען די געהע-ריגע פערשטענדניש און מיט אַ ברייי-טער האַנד שטיצען די אקציע. צו דעם צוועק אָרדענט די אָרטיגע קרן-קימת-קאָמיסיע איין א פייערליכען באַנקעט שבת דעם 24 ד. ח. 9 אָוועגד אין לאָקאַל פונ'ם יודישען גימנאזיום, אויף וועלכען עס וועלען ארויסטרעטען די בעקאַנטע עסקנים: פרוי אסתר קאַפּלאַן און רעדאַקטאָר י. אפענשלאַק.

סטאַניעווסקי'ס צירק אין טשענ-סטאָכאָוו

דער בעריהמטער צירק פון די ברידער סטאַניעווסקי איז אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו בלויז אויף 6 טעג, ד. ה. פון נעכטען דאָנערשטאג ביז דינסטאג, דעם 27 ד. ח. איינשליסליך, ווען ס'וועלען געגעבען ווערען צו צוויי פאָרשטעלונגען טעגליך 4.30 נאכמ. און 8.30 אָוועגד.

דער צירק האט זיין לאַגער אויסגע-שטעלט אויף דער קילינסקי גאַס 18. ער איז פערזעהען מיט אַ גאַנצע רייהע נאך ביז-איצט נישט געזעהענע אַטראַק-ציע-נומערן, אַקראָבאַטישע שטיק און ס'נעמען אויך אַנטייל די בעקאַנטע צוויי קאָמיקער דין-דאַן.

די דירעקציע מאכט אויפמערקזאַם, אַז די פרייזען זענען פאר טשענסטאָ-כאָוו ספּעציעל געמאַכט געוואָרען בילינער און קיין שום אנדערע הנחות ווי אויך דאַמען אויף איין בילעט וועלען נישט אנערקענט ווערען.

„מכבי"-פויסטלער אין פיעטרקאָוו

זונטאג, דעם 25 ד. ח. פאָהרען קיין פיעטרקאָוו די פויסטלער פון „מכבי", וועלכע וועלען זיך טרעפען אין א באָקס מעטש מיט'ן שטארקען „זוויאָנזעק סטושעלעצקי". די פויסטלער טרענירען אינטענסיוו אונטער א געהעריגער אויפזיכט.

ד"ר לודוויק באַטאַוויא נ"ע

אין עלטער פון 68 יאהר איז גע-שטאָרבען דער טשענסטאָכאָווער תושב, איינער פון די אָנגעזעהענסטע דאָקטוי-רים — ד"ר לודוויק באַטאַוויא.

דער פערשטאָרבענער האט געענדיגט אין טשענסטאָכאָוו א גימנאַזיום, דאַן געפאָהרען קיין ווארשא, וואו ער האט דאָרט שטודירט און געענדיגט דעם אוניווערזיטעט. נאך די מעדעצין סטו-דיום פאָהרט ער קיין אויסלאַנד זיך ספּעציאַליזירען אלס לאַרינגאָלאָג, אויף וועלכען געביעט ער איז זיינער צייט געווען א פיאָנער און ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען, מיט וועמענס מיינונגען עס האבען זיך גערעכנט די גרעסטע מעדיצינישע אויטאָריטעטען.

ד"ר באַטאַוויאַ איז פון דער גרינ-דונג אָן, ד.ה. פון 1913 געווען דירעק-טאָר און הויפּט דאָקטאָר פון יודישען שפּיטאָל, פּרעזעס פון „דאָבראָטשינ-נאָסטש", פרעזעס פון דער וויסענ-שאַפטליכער סעקציע פון היגען דאָק-טוירים פעראיין, וויצע - פרעזעס פון דאָקטוירים פערבאנד פון דער פוילישער רעפּובליק א.א.וו. אין טשענסטאָכאָוו, פּערוו. מיטגליד פון קאָמבאַטאַנטען-פעראיין און אין א רייהע אנדערע געזעלשאפטליכע און וויסענשאפטליכע פעראיינען.

עה"ע זיין אָנדענקען !

אין דער לויה האט זיך בעטייליגט אַ גרויסע צאָהל מלוים. פאר'ן ארון זענען געגאַנגען די קינדער פון יתו-מים הויז, אָכראַנקע, דאַן די שוועסטערן פון יודישען שפּיטאָל מיט א קראַנץ, די שילער פון דער האַנדווערקער שולע, קאמבאטאנטען און אנדערע דעלעגאַצ-יעס.

עס זענען געטראַגען געוואָרען א סך קרענץ און בלומען.

די מטה איז אריינגעטראָגען געוואָ-רען אין שפּיטאָל, וואו ביים אלגעמיי-נעם זאַל, וואָס איז געווען דעקאָרירט מיט'ן בילד פון נפטר אין שווארצען איינגעהילט, האט מספּיד געווען ד"ר א. בראַם.

צוליעב'ן רעגען און שטורם זענען ביים אָפענעם קבר נישט געהאלטען געוואָרען אלע הספּדים.



Nasz instytut kosmetyczny „Cedib" Kilińskiego 14

דאָס פונאַנדערטיילען צייגנישען פאַר די אַביטוריענטען פון די דערגענצונגס-קורסען

זונטאג, דעם 25 ד. ח. 10 א זייגער פארמיטאג קומט פאר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאנד, אַלעע 12, דאס פייערליכע פונאַנדערטיילען פון די צייגנישען פאר די אַביטוריענטען פון די דערגענצונגס קורסען, מיידלעך און יונגלעך.

די פערוואלטונג לאדענט איין אויף דער פייערליכקייט אלע עלטערן פון די קינדער און די היגע איינוואוינער.

אַכטונג מיטגלידער פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע !

שבת, דעם 25-טען יוני 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אלע צווייג-אָרגאַניזאַ-ציעס אין לאָקאַל פון „נורדיה" מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר א. ליפמאַן פון ווארשא.

איינטריט נאָר פאר חברים פון 18 יאָהר אָן.

Kino STYLOWY
Aleja 27.
היינט און ווייטערע טעג
דער הערליכער פילם
Sama przez życie
אין דער הויפּט-ראָל:
קאַי פראַנסיס
איבער'ן פּראָגראַם:
קלאַנג-צוגאָבען און פאָט-איבערזיכט
לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.

Kino „LUNA"
פאסצינירענדע ליבעס - דראַמא
HOTEL DU NORD
דאס איז דער טריומף פון די פראַנצויזישע אַרטיסטען:
אַנאַבעלאַ, זשאַן פּיער א"א
ערלויבט פאר יוגענד פון 18 יאָהר.

דער נייער „עטערישער" פודער צום געזיכט

אַ וואונדערבאַרער, נייער, איינפאל אויפן געביט פון פודער צום געזיכט. דער פודער ווערט פּרעפּארירט לויטן נייעסטען סיסטעם, דינער און לייכטער, ווי דאָס איז ביז איצט געוואָרען דערגרייכט. דער פודער איז אזוי דין, אז מען זעהט איהם נישט אָן אויף דער הויט. ער גיט אַ וואונדערבארע, גלאַטע און מאַטע צערע. ביים טאָג-ליכט אזא פריש-קייט, וואָס קיין שום ווינט אָדער רעגען קאָנען נישט שאַדען. אין אָוונט ווידער וועט דער שיינקייט נישט שאַדען אפילו דאס שוויצען בעת'ן טאַנצען אין אַ ענגען זאל. דער פודער איז געמישט פון א פאַטענטירט מיטעל מיט אַ קרעם-שוים (א פּיאַנקע) דאָס מאכט נישט נאָר, וואָס דער פודער Tokalon האַלט זיך פעסט אויף דער הויט אין משך פון לאנגע שעה'ן, נאר ער פערהיט אויך דאס איינזאַפען די נאַ-טירליכע פעטקייט פון דער הויט. ער פערהיט די הויט פון צופיהל ווערען אויסגעטריקענט און פון ראַציגקייט, ער פערהיט אויך פון קנייטשען.

פּרוּבּ אויך דעם בערימטען פודער Tokalon אויף אַ קרעם-פּיאַנקע, ער ווערט פּרעפּארירט לויט דער אָריגינעלער פראַנצויזישער פּאַרשריפט פון כעמיקער פאַריזער פודער Tokalon. וועסט זיך אַליין איבערצייגן ווי אומגעוועהנליך דיין צערע וועט זיך פערבעסערן אין משך פון אַ פאַר טעג.

אויף 10 פּרויען געברויכען 9 נישט דעם געהעריגען פודער - ניואַנס. דאָס גיט אַ מיאוסען הארטען „מאַקיליאַזש"-אויסזעהן. דער איינציגער וועג צו געפינען פאר אייך דעם געהעריגען קאָליר, איז אויסצופּרובען אויף איין זייט געזיכט איין קאָליר פודער און אויף דער צווייטער זייט - אַנ'אַנדערען.

וויכטיג דעם פודער Tokalon בעקומט מען אומעטום אין צוויי גרייסען, צום פרייז: 1.40 און 2.50 זל. מיר בעטען צו קאָנטראָלירען דעם נאָמען Tokalon אויף יעדען שאַכטעל.

Red. E. Bocian Częstochowa Aleja 6, Wyd. B. Bocian i Sz. Frank Druk. B. Bocian, Aleja 6